STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10319

# YUNG VILNE

Elias Schulman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליהו שולמאן

# יונג ווילנע

1929—1939

פארלאג געצעלטן
ניו-יארק 1946

פון זעלביקן מחבר:

געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור
אין אַמעריקע 1870־1900.
ניו־יאָרק 1943.

די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, אָפּטיילונג יידן,
באַנד דריי, אַ קריטיק און אָפּשאַצונג.
ניו־יאָרק 1942.

YOUNG WILNO
1929 — 1939
by
ELIAS SCHULMAN

published by
"GETSELTN"
New York, 1946
400

דעם אָנדענק פון

פאַלק הײלפּערין

1945—1876

שריפטשטעלער, פּעדאַגאָג, איבערזעצער

און פריינט און דערציער

פון יונג־ווילנע.

## יונג־ווילנע

פונאויבן שטייען (רעכטס צו לינקס): בענציע מכיטאָם, א. וואָגלער, שיינע עפראָן, משה לעווין, חיים גראַדע.

עס זיצן (רעכטס צו לינקס): שמשון קאהאן, א. סוצקעווער, שמערקע קאַטשערגינסקי, ראָזע סוצקעווער, לייזער וואָלף.

# ווילנע און יידישע טראַדיציע

## I

דאָס נייע פּוילן וואָס איז אויפגעקומען ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן און קאָלירפולן יידישן קבוץ. די נייע פּוילישע רעפּובליק האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איבערגענומען גאַנץ גאַליציע, און גרויסע טיילן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ליטע. הונדערטער טויזנטער יידן וואָס האָבן זיך ביז 1918 באַטראַכט ווי רוסישע, אוקראַינישע און ליטווישע יידן, זיינען מיטאַמאָל געוואָרן „פּוילישע״ יידן, און די יידן פון גאַליציע, וואָס זיינען געווען שטאָלץ מיט זייער פראַנץ־יאָזעפן — זיינען געוואָרן בירגער פון דער נייער פּוילישער מדינה. יידן מיט פאַרשיידענע טראַדיציעס, מנהגים, און לעבנס־שטייגערס זיינען פאַראייניקט געוואָרן, און געוואָרן בירגער פון דער ייִנגער רעפּובליק. יידן פון רייסן און גאַליציע, פון פּוילן און פון ליטע, פון פּאָלעסיע און אוקראַינע, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אין די ראַמען פון פּוילן אַ קאָנסאָלידירט יידישן פאָלק פון דריי מיליאָן נפשות.

אין דעם פּעריאָד פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות (1918־1939) האָט דאָס פאַראייניקטע פּוילישע יידנטום מיט זיך פאָרגעשטעלט איינעם פון די שעפערישסטע טיילן פון יידישן פאָלק. די שעפערישקייט פון פּוילישן יידנטום האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַ סך געביטן. יידן האָבן אָנגעפירט אַ קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלער און עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. די פּוילישע יידן האָבן אומדערמידלעך געקעמפט פאַר זייער יידישער און מענטשלעכער חשיבות.

די שעפערישקייט פון פּוילישן יידנטום האָט זיך אַמשטאַרקסטן אויסגעדריקט אין דער באַשאַפונג פון דער יידישער ליטעראַטור. אין פּוילן זיינען ניט נאָר געווען זייער וויכטיקע יידישע שרייבער. נאָר עס איז דאָרטן געווען אַ יידישע ליטעראַרישע אַטמאָספערע און אַ פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור. און דער עיקר — עס איז דאָרטן געווען אַ יוגנט. און אַנטייל גענומען אין דער באַשאַפונג פון דער פּוילישער יידישער ליטעראַטור האָבן יידן, פון אַלע טיילן פון לאַנד. אין ליטע און גאַליציע, אין רייסן און טיף פּוילן, אין אוקראַינע און פּאָלעסיע זיינען אויפגעקומען יידישע שרייבער,

וואָס יעדער איינער, האָט אויף זיין שטייגער, צוגעטראָגן זיין חלק צו דער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן איז געווען אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. זי האָט אויסגעדריקט אַלע שטרעמונגען, אידייען און האָפענונגען פון פּוילישן יידנטום.

אויף וויפיל די פּוילישע יידן האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרמע פון אַ ליטעראַטור — האָבן זיי זיך אויסגעדריקט אויף יידיש. עס איז אמת אז אַ סך פּוילישע יידן האָבן גערעדט אויף פּויליש, ספּעציעל האָבן אַ סך יידן אין גאַליציע גערעדט פּויליש. און די גאַליציאַנער יידן האָבן אַראָפּגעשיקט מאָסן „אינטעליגענטן" אַלס לערער אין די פּראָווינץ־שטעט און שטעטלעך — און די דאָזיקע, מישטיינס געזאָגט, אינטעליגענטן האָבן געפּרובירט פּאָלאָניזירן די פּוילישע, ווייסרוסישע, אוקראַינישע און ליטווישע יידן. אין פּוילן זיינען אַרויס דריי טעגלעכע פּוילישע צייטונגען ספּעציעל באַשטימט פאַר יידן. עס זיינען אויך אַרויס עטלעכע פּויליש־יידישע וואָכן־ און חודש־זשורנאַלן. עס איז אָבער ניט באַשאַפן געוואָרן קיין יידישע ליטעראַטור אויף פּויליש. און מיט דעם אויסנאַם פון געציילטע מענטשן האָבן אַלע יידישע שרייבער אין פּוילן געשריבן יידיש. און עס זיינען געווען פאַלן ווען יידן האָבן זיך געמאַכט נעמען אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַלס וויכטיקע פּוילישע שרייבער — און דאָך זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו יידיש — ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט דעם טאַלאַנטפולן דיכטער משה שימל.

אין דער נייער פּוילן איז אַזוי גוט ווי ניט געווען קיין העברייאישע ליטעראַטור. אַפילו אַביטורענטן פון די העברייאישע שולן, האָבן זיך אויסגעדריקט אויף יידיש. אין דער קאָמפּאַקטער יידישער סביבה איז ניט געווען קיין אָרט פאַר אַ העברייאישער ליטעראַטור — און די יענע וואָס האָבן געפילט אין זיך אַ דראַנג צו שאַפן דורכאויס אין העברייאיש און ווערן העברייאישע שרייבער, האָבן אימיגרירט קיין ארץ־ישראל.

אין צענדליקער ישיבות אין פּוילן זיינען געזעסן הונדערטער יונגע לייט און האָבן געשאַרפט זייערע מוחות אויפן תלמוד. גאונים אויפן געביט פון תלמוד האָבן געזאָגט שיעורים. אָבער דער יידישער רעליגיעזער געדאַנק איז געווען פאַרגליווערט. מען האָט אין די ישיבות איבערגעחזרט דאָס אַלטע — און קיין נייעס איז ניט באַשאַפן געוואָרן. אָבער אויף וויפיל מען האָט אין דער ליטעראַטור געזוכט אַן אָפּפרישונג פון יידישקייט — האָט זיך דאָס אויסגעדריקט גראָדע אין דער יידישער ליטעראַטור — אין די שריפטן פון ר' הלל

צייטלין ע״ה, און אין די ווערק פון די ייִנגערע שרייבער און דיכטער וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום די אָרטאָדאָקסישע קרייזן.

דער יידישער פאָלקס־געניוס אין דער פוילן פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט זיך אויסגעדריקט אין דער שאַפונג פון דער יידישער ליטעראַ־טור, און נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען, איז דאָס פאַרצווייגטע און פאַרוואָרצלטע יידישע קולטור־לעבן אין פוילן—פאַר אַ גאַסט פון אַמעריקע — געוועזן אָנרעגנדיק און דערפרישנדיק.

## II

ווילנע, די אַלטע יידישע שטאָט, האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקע אטמאָס־פערע. אַ פאַרוואָרפענע פראָווינץ־שטאָט אין דער נייער פּוילישער רעפּובליק, האָבן דאָרטן פעלקער, קולטורן און שפּראַכן אָנגעפירט אַ שטאַרקן קאַמף פאַר העגעמאָניע. די נייע מאַכט האָט מיט צוואַנג געוואָלט פּאָלאָניזירן די רוסן, ווייסרוסן, ליטווינער און יידן. אָבער אין די צוואַנציקער יאָרן האָט נאָך די פּוילישע רעגירונג ניט געוואָגט אָנצואווענדן צו שטאַרקע מיטלען צו אונטער־דריקן די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מיעוטים. עס עקזיסטירן דאַן אין ווילנע רוסישע, ווייסרוסישע, ליטווישע און יידישע שולן, גימנאַזיעס, און לערער־סעמינאַרן. אויף די ווילנער גאַסן רעדט מען פיל שפּראַכן און יידיש הילכט אומעטום.

דר. צמח שאַבאַד, יוסף טשערניכאָוו, זלמן רייזען, גרשון פּלודערמאַכער, משה שאַליט, קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, פירן אַן מיט דעם קאַמף פאַר דער וועלט־לעכער יידישער קולטור. אין ווילנע גייען אַרויס פינף טעגלעכע יידישע צייטונגען. דער יידישיסטישער „ווילנער טאָג", די ציוניסטישע „צייט", און די פּאָפּולערע „אָוונט קוריער", „ראַדיאָ" און „עקספּרעס". די מערהייט יידישע קינדער גייען אין יידישע שולן — אין געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע. דער יידישער לערער־סעמינאַר ציט צו זיך צו סטודענטן פון גאַנץ פּוילן. יידישע שרייבער קומען אַראָפּ קיין ווילנע כדי צו ווערן לערער אין די גימנאַזיעס און אין לערער־סעמינאַר. מאַקס עריק, משה קולבאַק זיינען לערער אין דער גימנאַזיע. פאַלק היילפּערין — אין לערער־סעמינאַר. שפּעטער קומט אַן פון לאָמזשע אַהרן מאַרק, און פון גאַליציע קומט אַן אינטעליגענט מיטן צוועק צו פּאָלאָניזירן ווילנע — און ווערט אַליין אַ יידישער ליטעראַט — נ. וויניג. אין ווילנע פונקציאָנירן צוויי גרויסע יידישע פאַרלאַגן, דער פאַרלאַג פון באָריס אַרקאַדיעוויטש קלעצקין און דער פאַרלאַג טאָמאָר". און אין 1925 ווערט אין ווילנע געגרינדעט דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. דר. מאַקס ווײַנרײַך, זעליג קלמנאָוויטש ווערן שטענדיקע ווילנער תושבים.

אין אַ שטאָט, וואו די מערהייט יידן רעדט יידיש וואו מען לייענט מאַסן יידישע צייטונגען, וואו עס עקזיסטירן אַלע טיפּן יידישע שולן, וואו עס לעבן און שאַפן יידישע שרייבער — איז נאַטירלעך אַז אַ יידישער יינגערמאַן, וואָס פילט אין זיך דעם דראַנג צו שרייבן — זאָל אָנהייבן שרייבן אויף יידיש. אָרום

1927 האָבן זיך אַ צאָל ווילנער יידישע יונגע לייט, וואָס האָבן דערשפּירט אין זיך דעם דראַנג צו שרייבן, אָנגעהויבן זיך פֿאַרזאַמלען אין הויז פֿון שלמה בעליס — וואָס האָט דאַן געדרוקט לידער אונטערן נאָמען ש. סאגאלא. מען פלעגט פאַרבערענגען, לייענען מאַנוסקריפּטן, און צוזאַמען טרוימען וועגן אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. ניט אַלע וואָס פלעגן זיך פאַרזאַמלען ביי שלמה בעליסן אין הויז זיינען געוואָרן שרייבער, ניט אַלע זיינען פאַרבליבן אין ווילנע — אָבער ביי יענע צוזאַמענקונפטן איז אויסגעקריסטאַליזירט געוואָרן די גרופּע „יונג־ווילנע" — וואָס האָט זיך שפּעטער קונה־שם געווען אין דער אַלוועלטלעכער יידישער ליטעראַטור. דער ליטעראַרישער קוואַטער פון דער גרופּע איז געווען זלמן רייזען. אין 1929 האָט זלמן רייזען פאַרעפנטלעכט א פולע זייט מיט אַרבעטן פון נייע שרייבער אין „ווילנער טאָג". פון סאַמע אויבן פון דער זייט האָט רייזען אַרויפגעשטעלט אַ קאָפּ: „אַריינמאַרש אין דער יידי־שער ליטעראַטור" — און דאָ האָט ער פאָרגעשטעלט די צוקונפטיקע יונג־וויל־ניאַנער.

אַ סך געהאָלפן דער גרופּע צו פאַרנעמען איר אָרט אין דער יידישער לי־טעראַטור האָט אויך פאַלק היילפּערין. מיט ליבע האָט ער געלייענט די מאַ־נוסקריפּטן, קריטיקירט, אָנגעוויזן חסרונות, און דער עיקר — דערמוטיקט. היילפּערין האָט זיי געלערנט דעם יידישן ליטעראַרישן סטיל, און כדי צו געבן זיי פּרעסטיזש, איז היילפּערין אויפגעטראָטן מיט זיי אויף זייערע ערשטע לי־טעראַרישע אָוונטן.

## III

מיט זלמן רייזענס אָפּדרוקן, אין 1929, די זאַכן פון די נייע שרייבער אונטערן קעפּל: „אַריינמאַרש אין דער יידישער ליטעראַטור״ — ווערן די יונגע שרייבער קאָנסאָלידירט אַלס די גרופּע „יונג־ווילנע״. און מערקווירדיק איז דאָס וואָס פּונקט אין דער זעלבער צייט קומט אויך אויף אין ענגלאַנד אַ גרופּע שרייבער די באַרימטע גרופּע דיכטער און פּראָזע־שרייבער וואָס באַשטייט פון אָודען, ספּענדער, לואיס, מאקניס א.א. און אינטערעסאַנט איז וואָסביידע גרופּן, סיי די ווילנער, סיי די לאָנדאָנער האָבן אַ סך געמיינזאַמעס צווישן זיך, כאָטש זיי ווייסן אַפילו ניט איינס פון צווייטן; וואָס עס שאַפט ענלעכקייט—איז ביידנס היפּער־וואַכזאַמקייט צום צייט־גייסט און די געאַנטע שטימונגען פון זייער עפּאָכע. ביידע גרופּן זיינען געווען סאָציאַל־באַוואוסטזיניק. ביידע האָבן זיך אָריענטירט אויף די פּראָגרעסיווע טיילן פון זייערע פעלקער. ביידע גרופּן האָבן דערשפּירט אַז זיי לעבן אין אַן איבערגאַנגס־צייט, — ערב גרויסע געשעענישן. ביידע גרופּן האָבן אויף אַ קינסטלערישן אופן פאַראייניקט דאָס אַלטע און דאָס נייע. אברהם סוצקעווער האָט געזוכט און האָט געפונען נייע פאָרמען — און דאָס זעלבע האָט אויך דערגרייכט אָודען. סיי חיים גראַדע, סיי דער ענגלענדער ספּענדער, האָבן באַנומען די ערבֿ־צייט, אין וועלכער זיי לעבן — ביידע האָבן דערפילט דעם אָנקום פון גרויסע געשעענישן. ביידע גרופּן האָבן געזוכט נייע מיטלען פון קינסטלערישן אויסדרוק — און דאָך האָבן זיי טיף געוואָרצלט אין די פריערדיקע פּאָעטישע טראַדיציעס. זיי האָבן געפאָרשט, שטודירט זייערע פאָרגייערישע פּאָעטישע מייסטערס, און אַליין געוואָרן מייסטערס פון קינסטלערישן אויסדרוק.

ביידע גרופּעס, סיי די ענגלישע, סיי אונדזער ווילנער, האָבן זיך פאַרבונדן, ווי מיר האָבן געזאָגט פריער, מיט די פּראָגרעסיווע גייסטיקע שטרעמונגען פון זייער צייט, און אויך דירעקט געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט פּראָגרעסיווע באַוועגונגען. אָבער אין דער צייט וואָס אָודען און ספּענדער האָבן געלעבט אין דער פרייער ענגלאַנד — האָבן די יונג־ווילנער אָפּטמאָל טייער באַצאָלט פאַר זייער אָריענטאַציע. שמערקע קאַטשערגינסקי, שמשון קאַהאַן זיינען עטלעכע מאָל געווען אַרעסטירט — און זיינען אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

און אויך דאָס איז מערקווירדיק: ביידע גרופּן ווערן צעפאַלן אַלס גרופּן מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָבן אַ פּאָר יונג־ווילנער זיך געראַטעוועט — און זיי זעצן פאָר זייער שעפערישע אַרבעט, אָבער איצט אין אַן אַנדער ריכטונג, אַ ריכטונג אַ מער סאָציאַל־באַוואוסטזיניקע. אויך די אָודען־ספּענדער גרופּע וואָס צעפאַלט זיך, זעצט פאָר איר אַרבעט, און אויך אין אַן אַנדער קינסטלערישער ריכטונג ווי פריער אָבער די ענגלישע גרופּע, להיפּוך צו די יונג־ווילנער, פאַרנעמט זיך איצט אויף די וועגן פון מעטאַפיזיק און מיסטיציזם. ביידע גרופּן זיינען געווען אַן אויסדרוק פון אַ באַפליגלטער מיט גלויבן און האָפערדיקער עפּאָכע וואָס איז מער נישטאָ.

## פּאָרגייער און אָנזאָגער

### IV

די קינסטלער פון „יונג־ווילנע״ זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער ספּערע פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור. כמעט יעדער פון זיי איז דערצויגן געוואָרן אין וועלטלעכע יידישע שולן. אין זייער פריסטער יוגנט האָבן זיי איינגעזאַפּט אין זיך די עלטערע און די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. אַלע האָבן זיי געהאַט אַ באַוואוסטזיניקע באַציאונג צום יידישן לעבן און צו דער יידישער קולטור. די יונג־ווילניאַנער זיינען געקומען פון אָרעמע יידישע היימען, — און זיי האָבן די יידישע נויט אי אַליין דורכגעפילט, אי אַליין דורכגעלעבט.

פון די סאַמע ערשטע יונג־ווילניאַנער וואָס זלמן רייזען האָט אין 1929 פאָרגעשטעלט פאַר דעם יידישן לייענער, האָבן זיך קיין גאָר וויכטיקע שריפטשטעלער ניט אַנטוויקלט. ערשט די וואָס זיינען צוגעקומען שפּעטער צו דער גרופּע און וועמען די ערשטע יונג־ווילניאַנער האָבן דערמוטיקט — אָט־די האָבן באמת באַשאַפן יונג־ווילנע. צוויי פון די סאַמע ערשטע יונג־ווילניאַנער זיינען געווען סלאָוויטשיק און פאַליקמאַן, און די ביידע האָבן אין די דרייסיקער יאָרן זיך באַזעצט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן זיך ביידע צוגעפּאַסט צו די דאָרטיקע באַדינגונגען און פאָדערונגען. זייערע דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט אין די סאָוועטיש־יידישע זשורנאַלן. און ווען איך האָב באַזוכט ווילנע אין 35־1936 האָב איך זיי שוין אין ווילנע ניט געטראָפן. נאָך איינער פון דער גרופּע יונג־ווילניאַנער איז געווען י. שטערן, אַ ברודער פון דעם דיכטער שלום שטערן און י. זיפער. ער האָט אימיגרירט קיין קאַנאַדע וואו ער איז אַ יידישער לערער. נאָך אַ דיכטער, א. לעוו, געפינט זיך איצט אין ארץ־ישראל.

שמשון קאַהאַן, אָדער ווי מיר פלעגן אים רופן סיאָמקע קאַהאַן, איז געבוירן געוואָרן אין 1905. ער האָט זיין דערציאונג באַקומען אין עטלעכע פאַרשיידענע שפּראַכיקע שולן. ש. קאַהאַן איז געווען, וואָס מען פלעגט רופן, אַ „וואילער יונג״. ער האָט ליב געהאַט זיך אָנטאָן אין רוסישע בלוזעס, מיט אַ קוטאַש, גלאַנציקע שטיוועלעך. פאַר אַ צייט איז ער געווען אַ דאָרפסט־לערער. טאָקע דעמאָלט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ גרופּע ציגיינער. ער האָט זיך אויס־

געלערנט זייער שפּראַך — און האָט זיך מיט זיי איינגעלעבט. שפּעטער האָט ער אויפגעזאַמלט אַ גרויסע צאָל ציגיינערישע לידער, האָט זיי איבערזעצט אויף יידיש און זיך געגרייט זיי אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרמע. לײדער איז דער בוך קיינמאָל ניט דערשינען. ש. קאַהאַן איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דעם יידישן טעאַטער — און ער איז פאַר אַ צייט געווען אַ סופליאָר. אין ווילנע האָט מען אין די יאָרן 1934־1935 אָנגעפירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן דעם שונד אין יידישן טעאַטער, און ש. קאַהאַן איז געווען איינער פון די אָנפירער פון דעם דאָזיקן קאַמף. ער האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַ סך אַרטיקלען אין „וויל־נער טאָג" וועגן שונד און קונסט, און ער איז, נאַטירלעך, אַרויסגעטראָטן קעגן שונד און פאַרטיידיקט די קונסט.

אין 1936 איז דר. מיכל ווייכערט געפאָרן צום טעאַטער־פעסטיוואַל אין מאָסקווע. ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין פוילן האָט ער געהאַלטן לעק־ציעס און געשריבן אַרטיקלען וועגן דעם מאָסקווער טעאַטער־פעסטיוואַל. ש. קאַהאַן האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאָרן קיין מאָסקווע. איז ער גע־פאָרן קיין וואַרשע — און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע — האָט ער געשריבן וועגן אונדזער יידישן טעאַטער־פעסטיוואַל — וועגן די וואַרשע־ווער יידישע טעאַטערס.

ש. קאַהאַן איז געווען אַקטיוו אין דער לינקער באַוועגונג, ספּעציעל אין דער באַוועגונג פאַר ביראָ־בידזשאַן. ער איז געווען איינער פון די רעדאַק־טאָרן פון ווילנער זאַמלביכל „ביראָ־בידזשאַניש".

ש. קאַהאַן איז געווען דער אָפיציעלער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „ווילנער טאָג". ער פלעגט די צייטונג „אונטערשרייבן". און אַזוי ווי די צייטונג איז זייער אָפט קאָנפיסקירט געוואָרן — האָט ער געהאַט אויף זיך אַ מאָסע פּראָצעסן.

חיים גראַדע איז געבוירן געוואָרן אין 1910. זיין פאָטער איז געווען פריער אַ העברייאישער לערער און שפּעטער אַ שומר פון יידישע געשעפטן. גראַדע איז יונגערהייט געוואָרן אַ יתום. זיין מוטער האָט זיך שטאַרק געמוט־טשעט אויסצוהאַלטן חיימקען. געוואוינט האָט די אלמנה מיטן קינד אין אַן אָרעמער וואוינונג אויף דער הקדש־גאַס. זיין מוטער פלעגט שטיין מיט אַ קאָ־שיק עפּל אויפן מאַרק, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין ליד „מיין מאַמע", וואָס איז אַזוי וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון די יידישע שריפטשטע־לער און לייענער. דאָס אויטאָביאָגראַפיש ליד הייבט זיך אָן אַזוי:

די באַקן — איינגעפאַלן און די אויגן — האַלב נאָך אָפן,
הערט מיין מאַמע, ווי עס זיפצן אירע קני;

אַ גאַנצן ווינטערדיקן אינדערפרי
אויף אַלע מערק אַרומגעלאָפן.
לאָז־זשע איצטער אונדז ביים טויערוואַנט
די נאַכט דערשלאָפן.

אָבער טראָץ דער אָרעמקייט — האָט דער יונגער גראַדע באַקומען אַ גוטע דערציאונג. ער האָט זיך געלערנט סיי אין אַ יידיש־וועלטלעכער שול, סיי אין אַ תלמוד־תורה, און שפּעטער האָט ער פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין דער נאָווארעדקער ישיבה. און פון דער דערפאַרונג פון די יאָרן האָט ער שפּעטער אָנגעשריבן זיין באַרימט־געוואָרענע פּאָעמע „מוסרניקעס”. גראַדע האָט זייער פיל געלייענט. ווען מען האָט פאַרבראַכט מיט אים האָט מען באַלד געפילט אז ער וועט אַ סך דערגרייכן. גראַדע איז אַ טיף עטישער מענטש און ער האָט שטענדיק געשטרעבט צו שלימות. ער איז שטאַרק באַווירקט סיי פון תנ"ך, סיי פון דער יידישער ליטעראַטור. גראַדע איז געווען אַ נאָענטער פריינט פון דער הערלעכער יידישער פּרוי וויטע לעווין. וויטע לעווין האָט פון אירע עלטערן באַקומען אַ רייכע ירושה, אָבער זי האָט עס ניט פאַרשווענדט פאַר אירע אייגענע נוצן. זי האָט געעפנט און אליין אויסגעהאַלטן אַ שול פאַר דעפעקטיווע יידישע קינדער, און מיט גרויס ליבע און איבערגעגעבנהייט האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיטן דערציען יידישע קינדער. זי איז געווען אַן עכטע יידישע פאַלקיסטן. זי האָט שטאַרק באַפריינדעט גראַדען — און האָט אים אַ סך באַווירקט.

גראַדעס ערשטע לידער האָבן גלייך געצויגן פיל אויפמערקזאַמקייט. ער איז גלייך באַליבט געוואָרן פון דער יידישער יוגנט. און ווען עס איז דערשינען זיין ערשט בוך לידער „יאָ”, איז לכבוד אים אַראַנזשירט געוואָרן אַן אָוונט אין יקדישן טעאַטער אויף דער נאָווגאָראָדער גאַס. דאָס איז געווען חול המועד פסח 1936. דער זאַל איז געווען פול מיט ברויזנדיקער יוגנט. אַלע רעדנער האָבן גערעדט וועגן דער לאַגע אין פּוילן, וועגן דער יידישער קולטור און וועגן די נייע אויפקומענדיקע כוחות אין דער יידישער ליטעראַטור.

חיים גראַדע איז אַ סך דערמוטיקט געוואָרן פון די וואַרעמע אָפּרופן און פון די אַרטיקלען וועגן אים אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע. איינמאָל אַ שבת איז ער געקומען צו מיר אין דער פרי, מיט גרויס שמחה. ער האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון י. אָפּאַטאָשון וואו אָפּאַטאָשו האָט אים שטאַרק געלויבט און האָט אים פאָראויסגעזאָגט אַז ער איז דער דיכטער וואָס וועט אָנשרייבן אַ יידישן „דזשיאַדי”.

אין אַ בריוו וואָס ער שרייבט מיר דעם 23טן נאָוועמבער 1936, דאַנקט

ער מיר פּאַר צושיקן די רעצענזיעס וועגן זיין בוך „יאַ", און צווישן אַנדערס שרייבט ער: „ביי מיר איז גאַנץ אומעטיק, עס זעט ניט אויס עס זאָל ווערן בעסער. איך בין זייער דאַנקבאַר פאַר צושיקן מיר די אַרטיקלען. פאַרשטיי מיר ניט שלעכט — ס'איז ניטאָ קיין אַנדער פרייד . . . ". אָפּאַטאָשוס און לייוויקס בריוו, די וואַרעמע אַרטיקלען פון וויליאַם נאַטאַנזאָן, ב. ריווקין, ש. ניגער, דר. מוקדוני האָבן אים שטאַרק דערמוטיקט. זיין פּאָעמע די „מוסרניקעס" האָט ער געשריבן נאָך עטלעכע געשפּרעכן מיט י. אָפּאַטאָשון.

א. וואָגלער, וועמענס ריכטיקער נאָמען איז אלחנן ראַנשאַנסקי איז געבאָרן געוואָרן אין 1907. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אויסגעוואַלגערט אין אַ הקדש אין אַ שטעטל לעבן גראָדנע. די שווערע יוגנט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט האָט איבערגעלאָזט אַ סך טרויעריקע סימנים אויף אים. חוץ פאַרשיידענע פיזישע צייכנס — האָט עס אויך באַווירקט זיין געמיט־צושטאַנד. אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער פלעגט ער וויניק רעדן. א. וואָגלער פלעגט מערער פילן ווי רעדן. איינער אַליין פלעגט ער לאַנג שפּאַצירן אין די פעלדער און וועלדער אַרום ווילנע, און זיין אָרעמע חיונה האָט ער געצויגן פון מאָלן שילדן.

לכבוד דער דערשיינונג פון וואָגלערס ערשטן ביכל לידער, „אַ בלעטל אין ווינט" איז אַראַנזשירט געוואָרן אַן אָוונט אין זאַל פון דער ווילנער קאָנסערוואַטאָריע. דער זאַל איז געווען פול מיט אַ יונגן עולם — וואָס איז געקומען באַגריסן דעם יונגן דיכטער. וואָגלער איז געווען גליקלעך וואָס אַזאַ עולם איז געקומען צו דער פייערונג. — ער איז געזעסן אויף דער בינע און געהאַלטן אין איין שעפּטשען אַז ער פאַרדינט ניט אַזאַ כבוד. אין מיין באַגריסונג אויפן אָוונט האָב איך גערעדט וועגן די רעגיאָנעלע ריכטונגען אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און האָב זיך דערהויפּט אָפּגעשטעלט וועגן דער אַגראַרישער ריכטונג אין די דרום־שטאַטן, וועמענס אידעאָלאָגיע איז אויסגעדריקט געוואָרן פון דעם דיכטער און קריטיקער אַלען טעיט. אָבער בשעת די דרומדיקע ריכטונג איז געווען אַ רעאַקציאָנערע ריכטונג — איז אָבער די ווילנער ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור מאָדערן, וועלטלעך און פּראָגרעסיוו.

דער פּאָבל־שרייבער פּרץ מיראַנסקי איז געבאָרן געוואָרן אין 1908. זיין דערציאונג האָט ער געקראָגן אין אַ וועלטלעכער יידישער שול. ער איז געווען אַ פריילעכער, גוטמוטיקער און לעבעדיקער בחור. זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן שטענדיק געברענט. אויף אַ חברישן צוזאַמענקום, אויף אַן אָוונט אָדער ליאַמע, איז ער שטענדיק געווען אין צענטער. מיראַנסקי האָט איבערזעצט אויף יידיש פּאָפּולערע סאָוועטישע לידער וואָס זיינען געזונגען געוואָרן פון דער ווילנער יוגנט.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט לייזער וואָלפן האָב איך געמאַכט אין סטראַשונס ביבליאָטעק אויפן שול־הויף. באַקענט האָט מיך מיט לייזער וואָלפן דער געהילף־ביבליאָטעקאַר חייקל לונסקי. לייזער וואָלף פלעגט קומען אין דער סטראַשון־ביבליאָטעק יעדן פרייטיק אינדערפרי צו לייענען די „ליטעראַרישע בלעטער". ער איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער בחור, אין דער זעלבער עלטער ווי אַלע יאַטן פון „יונג־ווילנע", מיט שיטערע אויספּאַלנדיקע האָר און שאַרפע פּנים־שטריכן. אויך לייזער וואָלף, פּונקט ווי וואָגלער, איז געווען אַ גרויסער שווייגער. אויף די פרייטיק צונאַכט טאַנץ־אָוונטן אין דער יידישער גימנאַזיע פלעגט ער זיצן אין אַ ווינקל און דורכנעמען אַלעמען מיט זיינע שאַרפע אויגן. לייזער וואָלף איז געווען אַן אַרבעטער — אַ זעמשער. ער האָט אויסגעאַרבעט די היימישע הענטשקעס. געאַרבעט האָט ער אין דער היים פאַר אַן אונטערנעמער.

דער דערציילער משה לעווין איז געבאָרן געוואָרן אין 1908. עטלעכע יאָר האָט ער זיך געלערנט אין אַ יידישער פאָלקס־שול. שפּעטער האָט ער גענומען פּריוואַטע לעקציעס ביי פאַלק היילפּערינען. ביי פּראָפעסיע איז ער געווען אַ רעטושאַר. ער איז געווען שוואַך אויפן געהער — אָבער מיט זיין קינסטלערישן חוש האָט ער דורכגענומען מענטשן, ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן גערעדט און וואָס זיי האָבן געפילט.

דער ייִנגסטער פון דער גרופּע, אברהם סוצקעווער איז געבאָרן געוואָרן אין 1913. אין 1915, איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע — האָט די פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין סיביר. די סיבירער לאַנדשאַפט און דער קלימאַט האָבן איבערגעלאָזן זייערע צייכנס אויפן יונגן יינגל. אין 1922 קערט זיך צוריק די סוצקעווער פאַמיליע קיין ווילנע. אברהם סוצקעווער מאַכט דורך אַ פּריוואַטע יידיש־פּוילישע גימנאַזיע. ער לייענט אָבער אַ סך יידיש. אַ שטאַרקן איינפלוס האָט אויפן יונגן בחורל געהאַט משה קולבאַק. סוצקעווער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן עלעגאַנטן, שלאַנקן בחור, מאָדערניסטיש געקליידט. גערעדט האָט ער שטענדיק אינטערעסאַנט. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ מיט דעם וואָס הגם ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פּוילישער שול — איז אָבער די יידישע שפּראַך מיט אַלע אירע ניואַנסן און קנייטשן געווען פאַר אים אַן אָנרעג פאַר קינסטלערישע עקספּערימענטן און לשון־באַרייכערונג:

וועלכע שטאָלצע האַנט האָט פון גראַניט
אויסגעהאַקט דעם קאָפּ פון אָט־דעם ייד
און אַריינגעצונדן אין זיין פּנים

שאַרפֿע קאַבאַליסטישע סימנים
פֿון אַ וועלט־געשיכטלעכן מאַרשרוט,
אָנגעצייכנט מיט יהוהס בלוט
און באַפֿלאַמט מיט האָפֿענונג און מיט גלויבן.

כּדי נאָך מערער באַקאַנט ווערן מיט יידישע שרייבער, איז סוצקעווער עולה־רגל געווען קיין וואַרשע אין ווינטער 1936. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט אַלע וויכטיקע יידישע שרייבער — ספּעציעל האָט ער זיך געחברט מיטן דיכטער און דערציילער ש. זאַראָמב. ביים פּאַך איז א. סוצקעווער געווען אַ רעטושאַר.

צוליב זיין מאָדערניזם און קינסטלערישע עקספּערימענטן איז א. סוצקעווער ניט גלייך אָנערקענט געוואָרן אין ווילנע, ווי אייניקע פֿון זיינע חברים. אָבער ווען עס האָבן זיך באַוויזן באַגייסטערטע אָפּרופֿן אין דער אַמעריקאַנער יידישע פּרעסע וועגן זיינע לידער — האָט שוין ווילנע און וואַרשע אויך אים באַגריסט און אָנערקענט.

אַ גרויסן איינפֿלוס אויף א. סוצקעווערן האָט געהאַט אונדזער דיכטער א. לעיעלעס. זיינע וואַרעמע בריוו צו סוצקעווערן האָבן דעם יונגן דיכטער זייער שטאַרק דערמוטיקט. און דאָס וואָס דער „אינזיך" האָט אים אַזוי גערן געדרוקט האָט אים באַווירקט נאָך מער צו שאַפֿן.

די נשמה פֿון „יונג־ווילנע" איז געווען ש. קאַטשערגינסקי, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען כ. שמערקע. אַ פּשוטער, האַרציקער בחור, אָן פּניות, ערלעך און אויפֿריכטיק. ער איז געווען דער „מענעדזשער" פֿון דער גרופּע. ער האָט אָרגאַניזירט אַלע ליטעראַרישע אָוונטן, אַרויספֿאָרן, אויספֿלוגן און אונטערנעמונגען. ער האָט צונויפֿגעשטעלט די העפֿטן „יונג־ווילנע" — וואָס זיינען כמעט אַלע קאָנפֿיסקירט געוואָרן. שמערקע איז געווען אַ ליטאָגראַף און עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו זען ווי ער אַרבעט אויף די ליטאָגראַף־מאַשינען. כ. שמערקע האָט געשריבן פֿיינע רעפּאָרטאַזשן און גאַנץ געלונגענע דערציילונגען. צוזאַמען האָבן מיר באַזוכט די באַרימטע דרוקערייען פֿון האלמנה והאחים ראָם אין „ראָזענקראַנץ און שריפֿטזעצער". דער אָנפֿירער פֿון דער ראָזענקראַנץ און שריפֿטזעצער דרוקעריי איז געווען דר. שאַלקאָוויץ, אַ זון פֿון בן אביגדורן. דער יונגער שאַלקאָוויץ איז געווען אַ „דאָקטאָר פֿילאָסאָפֿיע אויס בערלין" און גערעדט האָט ער דייטשמעריש. שפּעטער האָט כ. שמערקע געגעבן אַן אינטערעסאַנטן רעפּאָרטאַזש פֿון דער דרוקעריי פֿון האלמנה והאחים ראָם. כ. שמערקע האָט אָנגעשריבן אַ ליד וואָס איז גע־

וואָרן באַקאַנט ניט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין אַמעריקע און ארץ־ישראל. אין דעם ליד האָט ער געכאַפּט דעם טאָן פון אַן עכט פאָלקס־ליד:

טאַטעס, מאַמעס, קינדערלעך
בויען באַריקאַדן,
און אויף די גאַסן גייען שוין
אַרבעטער־אָטריאַדן...

כ. שמערקע איז יאָרן נאָכאַנאַנד געווען דער פּוילישער קאָרעספּאָנדענט פון דער היגער „פרייהייט", געשריבן האָט ער אונטער דעם נאָמען ש. נוימעס. ער האָט ריזיקירט אי מיטן זיין פערזענלעכער פרייהייט, אי מיט זיין לעבן דורך זיין פאַרבינדונג מיט דער קאָמוניסטישער צייטונג. אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין ווילנע פלעגן אַלע בריוו גיין דורך מיין אַדרעס. די בריוו צו אים פון רעדאַקטאָר פון דער „פרייהייט" און אָנווייזונגען וועלכע פראַגן צו באַהאַנדלען, פלעגן אויך אָנקומען אויף מיין אַדרעס. דורך דעם בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ראָמאַנטיש־געפערלעכער אונטערערדישער באַוועגונג. ווען מען האָט זיך געריכט אויף רעוויזיעס — פלעגט מיין צימער פול ווערן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור. אויף מיין קוואַרטיר האָט מען אויך געבראַכט אַ טראַנספּאַרט בראָשורן וואָס האָט אנטהאַלטן דימיטראָווס באַרימטע רעדע אויפן צוזאַמענפאָר פון קאָמינטערן אין מאָסקווע אין 1935. אויפן שערבלאַט פון דער בראָשור איז געשטאַנען „ווילנע", אָבער זי איז געווען געדרוקט אין מינסק.

ביי מיר אין צימער זיינען אויך פאָרגעקומען די זיצונגען פון די רעדאַקציעס פון די צוויי לעגאַלע קאָמוניסטישע וואָכנבלעטער — פון דער יידישער „זיבן טעג" און פון דער פּוילישער „פאָ פּראָסטו". איך האָב זיך דעמאָלט באַקאַנט מיט די צוויי פּויליש־קאָמוניסטישע שרייבער הענריק דעמבינסקי, וועמען די נאַציס האָבן דערשאָסן און מיט דר. סטעפאַן יענדריכאָווסקי — איצט אַ מיניסטער אין דער וואַרשעווער רעגירונג.

פאַר די „זיבן טעג" האָב איך געשריבן אַרטיקלען וועגן אַמעריקאַנער פּאָליטישע פראַגן אונטערן נאָמען „ע. פּאַלקעוויטש".

ווינטער 1936 איז אין ווילנע פאָרגעקומען אַ גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס. אַ צאָל יונגע לייט זיינען געווען באַשולדיקט אין קאָמוניזם. דער אַדוואָקאַט פאַר די באַשולדיקטע איז געווען דער באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער, דער קדוש, יוסף טשערניכאָוו - דניאלי. ביים פּראָצעס איז אויפגעטראָטן אַ פּראָוואָקאַטאָר וואָס האָט אַלעמען פאַרמסרט. פלוצלינג האָט זיך אין



רעכטס: שמערקע קאַטשערגינסקי. לינקס: אליהו שולמאַן.

געריכט אויפגעשטעלט אַ יונגער מאַן, ער האָט געצויגן אַ רעוואָלווער — און שווער פאַרוואונדעט דעם פּראָוואָקאַטאָר. די נייס האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט אין שטאָט. גראָדע האָב איך דעמאָלט שפּאַצירט אויף דער מיצקעוויטש גאַס מיט שמערקען — און מיר זיינען גלייך געוואָר געוואָרן וועגן דעם. מיר זיינען גלייך אַוועק צו מיר אין צימער און שמערקע האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ פאַר דער „פרייהייט". מיט אַרום אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז צו מיר אָנגעקומען אַ פּעקל „פרייהייטן" מיט דער קאָרעספּאָנדענץ און מיט אַ לייט־אַרטיקל וועגן דער העלדישקייט פון דעם יונגן מאַן. עס איז אויך אָנגעקומען אַ נומער „האַמער" מיט משה נאַדירס אַ ליד וועגן דעם אַטענטאַט. איך האָב דעם „האַמער" געבראַכט אין דאַרמאַנס קאַפע — און דאָרטן איז נאַדירס ליד איבערגעשריבן געוואָרן אויף סערוועטקעס — און גאַנץ ווילנע האָט געלייענט דאָס ליד.

הגם ניט קיין מיטגליד פון יונג־ווילנע — אָבער זייער אַ נאָענטער מענטש איז געווען דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטער מיכל נאַטיש־שוטאַן — מחבר פון בוך לידער „מוליער הירש". נאַטיש שטאַמט פון סוועןציאַן וואו ער האָט זיך געלערנט אין דער עלעמענטאַר־שול צוזאַמען מיט דעם היגן דיכטער מעינקע קאַצן. נאַטיש האָט שפּעטער געענדיקט די סוועןציאַנער יידישע גימנאַזיע און האָט זיך שפּעטער אויך געלערנט אין דעם וואַרשעווער „יודאַיִיסטישן אינסטיטוט". מיט די יונג־ווילנאַער האָט זיך אויך געחברט דער סוועןציאַנער יונגער מאַן לייב גערמאַניסקי, וואָס האָט געשריבן פיינע לידער און טיפע קריטישע אַרטיקלען אונטערן נאָמען א. ל. גאָרין. גערמאַניסקי איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון מ. קולבאַקן. אין מאַי 1936 האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע. דאָרטן איז ער אַ וואָך שפּעטער פאַרמאַטערט געוואָרן צום טויט.

„יונג־ווילנע" האָט אויך געהאַט דריי מאָלער: בן־ציון מיכטאָם, ראָזע סוצקעווער און שיינע עפראָן. אַלע דריי זיינען זיי געווען באַגאַבטע קינסטלער. זיי האָבן זייערע בילדער אויסגעשטעלט אין אַ סך שטעט אין פּוילן. מיכטאָם און ראָזע סוצקעווער האָבן אויך געצייכנט די הילעס צו עטלעכע אויסגאַבעס פון „יונג־ווילנע".

ראָזע סוצקעווער איז געווען צו גאַסט אין אַמעריקע. ליידער האָט זי דאָ ניט געקאָנט בלייבן, אָבער איינדרוקן האָט זי מיטגעבראַכט אַ סך. זי האָט געמאָלן בילדער אויף ניו־יאָרקער מאָטיוון. איין בילד האָט זי געמאָלן וועגן אַ סטרייק אין ניו־יאָרקער האַפן. אויף דעם בילד האָבן די אַמעריקאַנער מאַטראָסן געטראָטן אויף דעם... „פאָרווערטס". כ'האָב איר אָנגעוויזן אַז דאָס בילד איז פאַלש, ווייל אַמעריקאַנער מאַטראָסן לייענען ניט קיין יידישע צייטונג און



**אין בערנאַנדינער גאָרטן**

רעכטס צו לינקס: מיכל נאטיש, אליהו שולמאַן און א. וואָגלער.

במילא האָבן זיי אויפן „פאָרווערטס" ניט געקענט טרעטן. אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. זי האָט דאָס בילד באַטראַכט פאַר אַ גרויסער דערגרייכונג. זי האָט ווייזט אויס געהאַלטן פון ווערטל: אַ גאַסט אויף אַ ווייל און זעט אויף אַ מייל . . .

די יונג־ווילניאַנער האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין „פראַטערניטי". איינער האָט געהאָלפן דעם צווייטן. די קינסטלער זיינען געווען אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון יידישע קולטור־טעטיקייטן. זיי האָבן באַפריינדעט יעדן יידישן שרייבער וואָס איז נאָר געקומען קיין ווילנע. צי עס איז געווען איציק מאַנגער, אָדער חיים לייב פוקס, קלמן ליס, אָדער משה שולשטיין, צבי שאַרגעל און ישראל ראַבאָן, נחום באָמזע און ברוך גלעזמאַן, אַלע זיינען וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די יונג־ווילניאַנער. אויף דעם וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָט זיך די גרופּע שטאַרק אָנגעזען. די דיכטער האָבן געלייענט זייערע לידער און כ. שמערקע האָט געהאַלטן אַ פאָרטראָג וועגן „יונג־ווילנע". ווען זוני מאָוד און יאָסל קאָטלער זיינען געווען אין ווילנע מיט זייערע מאַדיקאָטן האָבן די יונג־ווילניאַנער זיי שטאַרק אַרויסגעהאָלפן — ספּעציעל האָט זיך אַרום זיי מתעסק געווען שמשון קאַהאַן. דער זעלבער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטשאַפט צו דינה האַלפּערין מיט איר טרופּע, ווען זי האָט גאַסטראָלירט אין ווילנע.

מיינע בעסטע פריינט און חברים אין ווילנע זיינען געווען די יונג־ווילניאַנער. צוזאַמען האָבן מיר פאַרבראַכט און געטרוימט וועגן אַ רייכער און טיפער יידישער ליטעראַטור. צוזאַמען זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען אויף אויספלוגן — און צוזאַמען האָבן מיר מאַרשירט אויף דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע אין ווילנע 1936, און געוואָרפן לאָזונגען: „נידער מיט קאַרטוז־בערעזע", „נידער מיטן פאַשיזם", „זאָל לעבן אַ פרייע פוילן", „זאָל לעבן די נייע יידישע קולטור".

„יונג־ווילנע" האָט אַרום זיך געהאַט אַ גרופּע איבערגעבענע פריינט, וואָס האָבן דערמוטיקט די יונגע דיכטער און קינסטלער און דערמעגלעכט דעם אויפקום פון דער דאָזיקער היינט־צו־טאָג אומעטום אָנערקענטער וויכטיקער דיכטער־גרופּע.

ניט לייכט איז געווען פאַר די יונג־ווילניאַנער צו קריגן די אָנערקענונג. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי פאַרנומען דעם וויכטיקן פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זיי האָבן זיך באמת פאַרדינט. אַ סך אַרויסגעהאָלפן האָט זיי אין פּוילן זלמן רייזען, פאַלק היילפּערין און נחמן מייזיל. דניאל טשאַרני האָט זיי רעקאָמענדירט צו ליעסנען פאַר דער „צוקונפט". אויך אונדזער אַמעריקע האָט זיי געגעבן אַ סך דערמוטיקונג. א. לעיעלעס, י. גלאַטשטיין, פון

„אינזיך״, א. ליעסין, דורך דרוקן זיי אין דער „צוקונפט״, און די קריטישע אַרטיקלען פון ב. ריווקין, וויליאַם נאַטאַנזאָן, י. א. ווייסמאַן, דר. מוקדוני, ש. ניגער און אברהם רייזען. די בריוו פון א. לעיעלעס, י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק — אַלץ האָט זיי געהאָלפן מפורסם צו ווערן אין דער יידישער וועלט.

סיי דער יידישער פען־קלוב פון ווילנע, סיי דער יידישער ליטעראַטן־פאַר־איין אין ווילנע, האָט זיי שטאַרק מקרב געווען און זיי אַלעמען אַריינגענומען אַלס מיטגלידער אין זייערע אָרגאַניזאַציעס.

**יונג־ווילנע מיט אַ גרופּע יידישע שרייבער ביים וועלט־צוזאַמענפאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווילנע, אויגוסט 1935.**

אויבן שטייען (רעכטס צו לינקס): מ. חסיד, ישראל ראבאן, י. שטערן, שיינע עפראָן, איציק מאַנגער, אליהו שולמאַן, לייזער וואָלף.

אין דער צווייטער ריי זיצן: (רעכטס צו לינקס): משה לעווין, נחום באָמזע, א. וואָגלער, רייזל זשיכלינסקי, ראָזע סוצקעווער, ברוך געלמאַן, צבי שאַרגעל. אין פראָנט: שרה כייעט, שמערקע קאטשערגינסקי.

## V

די דיכטער פון „יונג ווילנע" זיינען ניט געווען די איינציקע קינסטלער וואָס זיינען אויפגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. יידישע דיכטער און דערציילער האָבן זיך אויך באַוויזן אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין לעמבערג און אין אַנדערע יידישע שטעט. עס זיינען אויפגעקומען יידישע דיכטער סיי איינציקווייז, סיי אין גרופּעס. אַרום די לינקע זשורנאַלן, ווי די לאָדזשער „ליטעראַרישע טריבונע", האָבן זיך גרופּירט אַ סך דיכטער. די דיכטער פון דער „ליטעראַרישער טריבונע", פון לעמבערגער זשורנאַל „וויסנשאַפט", האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרופּע וואָס האָט אויסגעדריקט די רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען פון דער עפּאָכע. די דאָזיקע גרופּע האָט פאַרמאָגט אַ סך טאַלאַנטפולע דיכטער ווי בינעם העלער, משה שולשטיין, ישראל אַשענדאָרף, י. שודריך, קלמן ליס. אַרום די בונדישע אָרגאַנען האָבן זיך גרופּירט אַ צאָל דיכטער, ווי ברוך גלעזמאַן, קהת קליגער און אַנדערע. אָבער, ווי אַ גרופּע, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַרישער וועלט, איז אויפגעקומען די גרופּע „יונג־ווילנע" און פונקט ווי ביי אונדז אין אַמעריקע האָבן אַמאָל די גרופּעס, „די יונגע" און שפּעטער די „אינזיכיסטן", געשאַפן ליטעראַרישע געשיכטע, און פונקט ווי אַמאָל אין רוסלאַנד, די „קיעווער גרופּע", אַזוי איז „יונג־ווילנע" געוואָרן אַ וויכטיקע דאַטע אין אונדזער ליטעראַטור.

פאַרשיידן זיינען געווען די יונג־ווילנער אין טאַלאַנט, אין מעטאָדע און קינסטלערישע דערגרייכונגען. חיים גראַדע האָט מיט זיין טאַלאַנט, שעפּערישקייט, טעמאַטיק און פאַרנעם, דערגרייכט די הויך פון אַ נאַציאָנאַלן יידישן דיכטער. אברהם סוצקעווער האָט מיט זיינע קינסטלערישע עקספּערימענטן, מיט זיינע זוכענישן, געשאַפן לידער וואָס דערגרייכן סקולפּטאָרישע שלימות. פון אַן אַנדער פאַרנעם איז געווען די דיכטונג פון א. וואָגלער, לייזער וואָלף, שמשון קאַהאַן און פ. מיראַנסקי. וואָס האָט אָבער פאַרבונדן די גאַנצע גרופּע — און פאַרוואָס האָט מען זיי אויפגענומען מיט אַזאַ ענטוזיאַזם אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט? טאַלאַנט אַליין — ווען דאָס זאָל אַפילו מעגלעך זיין אָפּצוטיילן פון אַלע אַנדערע עלעמענטן — וואָלט נישט אינגאַנצן פאַרענטפערט די געשטעלטע פראַגע. „יונג־ווילנע" איז באַרימט געוואָרן אַלס אַ גרופּע, ווייל זי

שער-בלאַט פון ערשטן העפט „יונג-ווילנע".

האָט אַ חוץ קינסטלערישע קוואַליטעט אויך פֿאַרמאָגט אַן אידייע. די אידייע פון דער גרופּע איז דאָ אין איר נאָמען — „יונג־ווילנע" — אַן אָנדייט אויף המשך. די דיכטער זיינען יונג־ווילניאַנער וואָס זיינען פיזיש און גייסטיק פֿאַר־בונדן מיט דער קולטור, אידייען, זיטן און אינטערעסן פון ווילנע—די ירושלים דליטע. די אידייען וואָס האָבן פֿאַרבונדן די יונג־ווילניאַנער—זיינען געווען צוגעבונדנקייט צום יידישן מאַסאַוון לעבן, און צו די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע אידעאַלן פון די יידישע מאַסן. יונג־ווילנע איז געווען אַ המשך פון אַלט־ווילנע. די דיכטער האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די אַלטע יידישע קולטור, אַלטע יידישע ווערטן און האָבן עס אַסימילירט מיט די נייע אידעאַלן פון דער יידי־שער יוגנט. אין אַנדערע ווערטער, זיי האָבן גענערט נאַטירלעכן טאַלאַנט. די יונג־ווילניאַנער האָבן שטודירט און באַהערשט די אַלטע יידישע דיכטונג פון אברהם ליעסין, יהואש, מאָריס ראָזענפעלד און אַפילו פון באָװשאָװער און עדעלשטאַט, — האָבן זיי געלערנט. אַ סך יידישע דיכטער אין פּוילן האָבן געשריבן אויף דיזעלביקע טעמעס ווי די יונג־ווילניאַנער, אָבער די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָבן אָבער אַרויסגערופן די שאַפונגען פון יונג־ווילנע. און דאָס איז, מיר דוכט, דערפֿאַר, ווייל די יונג־ווילניאַנער האָבן מייסטעריש סינ־טעזירט אינהאַלט און פֿאָרם. זיי האָבן איבערגענומען די גאַנצע יידישע קול־טור־ירושה. זיי האָבן איבערגענומען סיי דאָס תנכישע, סיי די מיטלאַלטער־לעכע דיכטונג, סיי די גאַנצע ווערטפולע נייע דיכטונג, איינשליסנדיק די איניז־כיסטן. זיי זיינען געווען סענסיטיוו צום סאָציאַלן צייט־גייסט פון די לעצטע אַפּאָקאַליפּטישע יאָרן, אָבער ווען זיי האָבן געשריבן אויף סאָציאַלע טעמעס, זיינען זיי ניט אַריינגעפאַלן אין דעם „פּראָלעטאַרישן" שאַבלאָן. אַפילו ווען זיי האָבן געשריבן וועגן צאַפּלדיקע טאָג־טעגלעכע זאַכן האָבן זיי אויסגע־מיטן דאָס באַנאַלע, — זיי האָבן שטענדיק געזוכט, און געפונען נייע, פרישע אויסדרוקן פֿאַר די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען. און אין דעם באַשטייט טאַקע זייער ענלעכקייט צו דער אין־דערזעלבער־צייט באַרימט־געוואָרענער לאָנדאָ־נער גרופּע, וואָס באַשטייט פון אודען, ספּענדער, לואיס, מאַקניס, און אַנדערע וויי־ניקער וויכטיקע ענגלישע פּאָעטן, וואָס מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. דידאָזיקע גרופּע האָט געירשנט שעקספּירן, קאָלרידזשן, בלעיקן פּלוס דעם גייסט פון מאַרקסן און פרוידן. אויך זיי שרייבן פון היינט מיט דער גאַנצער קולטור־ירושה פון זייער פֿאַרגאַנגענהייט. אויך ביי די יונג־ווילניאַנער וועט איר געפינען די מייסטערשאַפט פון חומש, דעם פּאַטאָס פון די נביאים, די פּאָלקסטימלעכקייט פון שלמה עטינגער, די קינסטלערישע קילקייט פון יהואש, די מוזיקאַלישקייט פון לייב ניידוס, די סאַטירע פון משה קולבאַק, די אינאָ־וואַציעס פון אינזיכיזם — יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלעס — און דאָס

אַלץ איז פאַרוועבט און דורכגענומען מיט דער אינדיווידועלער פּערזענלעכ־קייט פון יעדן איינעם פון דער גרופּע.

די יונג־ווילנער האָבן אונדז געגעבן דעם היינט פון יידישן לעבן — אָבער געגעבן האָבן זיי עס ניט דורך קאָנקרעטיקע זעלבסטפאַרשטענדלעכע פּערזן. — זיי שפּיגלען אָפּ אונדזער סתירותפולע עפּאָכע, געזען ניט נאָר אין דויער פון פאַרבייפליענדיקן מאָמענט — נאָר געזען דורך דער וויזיע און פּריזמע פון דורות. די יונג־ווילנער האָבן אויסגעדריקט די שטרעבונגען, האָפענונגען און טרוימען פון דער פּראָגרעסיווער און רעוואָלוציאָנערער יידי־שער יוגנט, וואָס האָט אויף אַ גליקזעליקן אופן קאָמבינירט צוגעבונדנקייט צום יידנטום און צו די פּראָגרעסיווע כוחות פון דער וועלט. און אַט־דאָס מיינען מיר איז גורם געווען די סיבות אַז די יונג־ווילנער זאָלן זיין בכוח צו באַ־שאַפן און אַריינשרייבן אַ נייעם בלאַט אין דער נייער מאָדערנער יידישער לי־טעראַטור.

סיי קוואַליטאַטיוו, סיי קוואַנטיטאַטיוו איז די פּראָזע ביי דער גרופּע „יונג־ווילנע" שוואַכער ווי די דיכטונג. די גרופּע האָט פאַרמאָגט בלויז צוויי פּראָ־זע־שרייבער — משה לעווין און כ. שמערקע — קאַטשערגינסקי; אידייאיש זיינען ביידע שרייבער געווען שטאַרק־נאָענט פאַרבונדן מיט דער גרופּע. ביי־דע זיינען געווען יידישלעך און פּראָגרעסיוו. כ. שמערקע—קאַטשערגינסקי האָט קיין סך ניט געשריבן. ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע דערציילונגען — צווישן זיי אַ פּאָר פּאַר קינדער. זיינער אַ ראָמאַן האָט געזאָלט אַרויס — אָבער די מלחמה איז אויסגעבראָכן און דער ראָמאַן איז קיינמאָל ניט דערשינען. זיי־נע קאָרעספּאָנדענציעס פאַר דער היגער „מאָרגן־פרייהייט" זיינען געווען איב־פאַרמאַטיוו, לעבעדיק — און מיט אַ באַציאונג צו זיין באַרוף. אַ געוויסן קינסטלערישן ווערט האָבן זיינע רעפּאָרטאַזשן. אין דעם דאָזיקן זשאַנער האָט ער פיל דערגרייכט. אין זיינע רעפּאָרטאַזשן גיט ער אַ גרינטלעכע באַשריי־בונג וועגן עניין פלוס פּערזענלעכע אינטערפּרעטאַציע פון דעם אַקטועלן.

זיינע באַשרייבונגען פון ווילנער גאַסן און געסלעך, זיין רעפּאָרטאַזש וועגן דער דרוקעריי פון „האלמנה והאחים ראָם" זיינען לעבעדיק, אויספירלעך און פאַרמאָגן אַ געוויסע גראַציעזקייט.

משה לעווין האָט אין זיינע דערציילונגען פּרובירט געבן בילדער פון דער צייט. אין זיין פּראָזע פילט זיך אַן ערנסטער טאָן און אַן ערלעכע באַציאונג. זיין ביכל „פרילינג אין קעלער־שטוב" איז רעאַליסטיש און דורכגעדרונגען מיט אַ הומאַניטאַרן געפיל. זיינע דערציילונגען שילדערן דעם אָרעמען, גרויען לעבן אין די קעלער־היימען אין ווילנע. אָבער זיינע דערציילונגען פאַרמאָגן אַלע שטיקער ליכט. זיינע העלדן זיינען ניט טאָטאַל דערשלאָגן — אין זייער

אָרעמקייט. וואו־ניט־וואו לויכט־אויף אַ שטראַל פון אָפּטימיזם און באַלויכט די אָרעמקייט. די פּראָגרעסיווע אידייען פון „יונג־ווילנע" האָבן משה לעווינ־ען פּאַרהיט פון אַריינפאַלן אין פעסימיזם און מרה־שחורה — און ער האָט אַרויסגעבראַכט פשוטע פּאָלקס־מענטשן וואָס זיינען האָפערדיק, ניט געקוקט אויפן שווערן מזל זייערן. משה לעווין האָט זיך אָפּט געדרוקט אין היגן „פּאָר־ווערטס" נאָכדעם ווי ער האָט געוואונען אַ פּרייז אין דעם „פּאָרווערטס"־קאָנ־קורס פאַר זיין דערציילונג „דריי שפּיגלען". משה לעווין האָט אין זיינע דער־ציילונגען ניט נאָר באַשריבן אָרעמקייט, נאָר ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט די אייביקע טעמעס פון דער ליטעראַטור: ליבע, דאָס אַלט ווערן און פאַרגיין. ער האָט אויך פּרובירט זוכן סימנים פון פריינטשאַפט צווישן די יידן און פּאָ־ליאַקן. משה לעווינס פּראָזע איז קלאָר, פּשוט און דורכגעזאַפּט מיט יידישער אידיאָמאַטיק.

ביידע, סיי כ. שמערקע—קאַטשערגינסקי, סיי משה לעווין, הגם זיי האָבן אין דער פּראָזע ניט דערגרייכט דאָס וואָס די יונג־ווילנער האָבן דערגרייכט אין דער פּאָעזיע — האָבן אָבער אַ דירעקטע שייכות און פאַרבינדונג מיט דער גרופּע, מיט זייער סאָציאַל־באַוואוסטזיניקייט, מיט זייער פּראָגרעסיווער־יידי־שער אָריענטאַציע און מיט זייער גרייטקייט צו דינען די יידישע מאַסן — האַר־מאָנירן זיי און פּאַסן זיך אַריין אין „יונג־ווילנע". די סיבה פאַרוואָס די פּראָזע פון דער גרופּע האָט נישט דערגרייכט דאָס וואָס די דיכטונג — קען אויך מעג־לעך זיין דאָס וואָס דיכטונג, און לירישע דיכטונג בפרט איז מסוגל אויפצוכאַפּן און אויסדריקן די שטימונגען פון מאָמענט. פּראָזע נויטיקט זיך אָפּטמאָל אין מערער אָביעקטיווקייט כדי זי זאָל קענען סומירן דערפאַרונגען, געשטאַלטן און געשעענישן.

## VI

„יונג-ווילנע" האָט פֿאַרמאָגט אין אירע רייען גרעסערע דיכטער און מינאָרע דיכטער. די קלענערע דיכטער פֿון דער גרופּע זיינען פּרץ מיראַנסקי און שמשון קאַהאַן. ביידע האָבן זיי ניט געשריבן קיין סך — און נאָך ווייני־קער האָבן זיי זיך געדרוקט. אָבער זיי האָבן אָן ספק געהאַט טאַלאַנט.

פּ. מיראַנסקי האָט געשריבן מערסטנס פֿאַבלען. אויף דעם געביט האָט ער זיך אויסגעצייכנט. זיינע פֿאַבלען זיינען אויף סאָציאַלע מאָטיוון, געשריבן זיינען זיי אין אַ פּשוטן, פֿאָלקסטימלעכן סטיל. הגם דער מוסר-השכל זייערער איז אַן אוניווערסאַלער — איז אָבער די פֿאַבל ביי אים יידישלעך און סאָציאַל. מיראַנסקי איז אָן צווייפֿל באַווירקט געוואָרן פֿון דעם יידישן משלים-מייסטער אליעזר שטיינבאַרג. מיר ברענגען דאָ צוויי מוסטערן פֿון מיראַנסקיס פֿאַבלען, ווייל זיינע שאַפֿונגען זיינען ווייניקער באַקאַנט די יידישע לייענער ווי די לי־דער און שאַפֿונגען פֿון אַנדערע יונג-ווילנאַנער:

### דאָס שייטל האָלץ און די טאַפּריסקע

עס האָט אין קיך ביי דעם גביר ר' טרייטל
אַ טאַפּריסקע באַגעגנט זיך מיט האָלץ אַ שייטל
און צוקוקנדיק גוט זיך צו דעם שייטל דעם שורפּאַטן
האָט זי דערקאָנט אין אים אַ זון פֿון קליאַן פֿון טאַטן
און פֿון מאַמען,
פֿון וועלכע ביידע שטאַמען
און ליגנדיק אַזוי אַנטקעגן
האָט זי דעם שייטל האָלץ גענומען פֿרעגן:
מיר זיינען ביידע, דוכט זיך מיר, צוויי ברידער,
געוואַקסן אין איין קאָרע, אין איין העמד,
צוויי לייבלעכע קליאַנעווע גלידער,
טאָ וואָס ביזטו מיר איצטער אַזוי פֿרעמד?

און ס'האָט דאָס שייטל פּראָסט און רוי
דער טאַפּריסקע אָפּגעענטפֿערט אַט אַזוי:
דו ווייסט, פֿאַרוואָס ביסט מיר דערווידער?
ווייל אַלע מאָל,
ווען מען טוט אייך אָן אַ הוט פֿון שטאָל
פֿאָלגט איר די האַנט, וואָס שיקט אייך מאָרדן ברידער.

## די קראָ און די וועווערקע

אַן אַלטע שוואַרצע קראָ
האָט אין אַ פֿריער שעה
דערזען, אויף הינטערשטע צוויי פֿיסלעך
אַ וועוויריק, זיצנדיק און קנאַקן ניסלעך.
— „אוף דעם, איז מיר פֿאַרדריסלעך
טאַקע —
האָט זיך די קראָ צעקראַקעט —
איז דאָס פֿאַר דיר אַ שפּייז
צו קנאַקן דאָס, וואָס ס'גריזשען די מייז?
דו, מיין שכנה, האָסט זיך געמעגט פֿאַרגינען טאָן אַ ביס,
אַ שטייגער,
וואו אַ וואָרעם צי אַ פּגר;
דאָס, פֿאַרשטיי איך, איז געשמאַק און זיס,
נאָר ניס . . . ״
— „געוויס, געוויס! —
האָט אָפּגערופֿן זיך די וועווערקע — נאָר הער,
דערקלער
מיר קראָ! ווי קומסטו וועגן ניס צו קראַקען,
ווי באַלד דו קענסט זיי ניט צעקנאַקן? . . .

ס'טרעפֿט אָפֿט, אַז עמיץ וויל אַ זאַך פֿאַרשרייען
בלויז צוליב דעם אַליין,
וואָס אים פֿעלן ציין
דעם מאכל צו צעקייען . . .

אַ דיכטער פון אַ גרעסערן פאַרנעם איז געווען שמשון קאַהאַן. ער האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיטן ליד, הגם ער האָט ווייניק געשריבן. זיין ליד איז שאַרף און גלייכצייטיק ראַפינירט. פונקט ווי אַלע דיכטער פון דער גרופּע האָט ער געשריבן אויף סאָציאַלע טעמעס. אָבער זיינע אידייען האָט ער באַקליידט אין סובטילע פאָרמען. ש. קאַהאַן שרייבט וועגן דער אָרעמקייט אין דער געטאָ, וועגן קראַנקהייטן וואָס נעמען צו איין חבר נאָכן צווייטן, וועגן אומגערעכטיקייט און קאַמף קעגן דער מאַכט — אָבער ער שרייבט וועגן דעם שטיל, איינגעהאַלטן און ווי מן הצד.

קאַהאַן מאָלט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, מיט אַלע זאָרגן. אַ שטילער טרויער פילט זיך אין זיין ליד. ער באַנעמט דעם צער פון דער פּאַר מלחמה־דיקער ווילנער געטאָ — אָבער ער פאַלט ניט אַריין אין אַ שטימונג פון טרויער און מרה שחורה, ווייל ער האָט געגלויבט אין בעסערע צייטן, ער האָט געטרוימט און געהאָפט אויף אַ נייער וועלט, און די האָפענונג קומט צום אויסדרוק אָפילו אין זיינע פּעסימיסטישע געזאַנגען.

מיר ברענגען דאָ איין מוסטער פון ש. קאַהאַנס לידער, זיין ליד וועגן ווילנע, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַ דערגרייכונג און וואָס, ווי עס דאַכט זיך אונדז, איז טאַקע איינע פון זיינע בעסטע לידער:

## ווילנע

1

פאַרביי די הויפן ברעגן די ווילייע גייט
אין דאָרף אַריין, באַדעקט מיט גראָע קריעס.
זי שאַרכט מיט זיי ווי מיט אַן אַטלאַסענער קלייד,
דער שלאָסבאַרג קוקט איר נאָך דורך אָנגעפּרווירענע וויעס
אין בלויע נעפּלען איינגעהילטערהייט —
אין ליולקע רויך אַן אַלטער, ווייסרוסישער פויער.

2

ס׳ליגט אונטן שטיל די אויסגעקנוילטע שטאָט,
צונויפגעשפּאַרט אַ מויער אויף אַ מויער.
אויף יעדער גאַס שטייט שטייף אין שטומען סוד
אַ גראָער קלויסטער אויף דער לויער
און היט אַן אָפּענעם, אַ דימענטענעם געטאָ־טויער,
וואו ס׳גנבעט זיך אַריין אין איילעניש אַ ייד.

דאָ קריצט װען אױס אַ זשאַװערדיקער ריגל
אין בלינדע װענט זײַן גרילצנדיק ליד.
דאָ פּאַכט די אײביקײט מיט דורכזיכטיקע פליגל,
דאָ גײט אַרום דער טױט מיט שטילע טריט:

נאָר אױף די פינקלענדיקע טױערן עס בליט מיט װײסן צװיט
אַ יונגװאַלד בױמעלעך פון אונטער רױטע ציגל,
אַ בלאַסער שפּראָצלינג פון אַ שטײנערדיקן שױס.
דאָ בליען אױף די יונגע באַקן רױטע קװײטן.
דאָ קלאַפּט די שװינדזוכט אָן אין יעדן הױז
און שלעפּט אַװעק אײן חבר נאָכן צװײטן.
נאָר ס׳טרעפט אױך אַז מען פירט . . . אַרױס
אַ בלאַסן אַרבעטער . . .
און ס׳זינגט זײַן װײַב אַ לידעלע איר קינד,
אַ לידעלע דעם טרױער צו פאַרטרײַבן!

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

דאַן װעט דאָ שטענדיק זײַן שױן בלױ און לינד
און נאָר די בױמעלעך — זײ װעלן אײביק בלײַבן . . .

װאו ס׳פּוילט דער שול־הויף — װעט אַ גאָרטן זײַן,
בעריאָזעס װעט דער װינט די זײדענע גריװעס קעמען
און װאו ראמײלעס הויף װעט זײַן פאַרפּלײצט מיט שײַן,
װעסט קומען אױף שפּאַציר אַהין מיר נעמען.
װעסט זיך דערמאָנען אָן דײַן טאַטן, קינד דו מײַן,
װעסטו די שטאַרקע צײַן פאַרשטשעמען . . .

3

דער אַלטער שלאָסבאַרג זיצט און האָרכט זיך אײַן,
ער קוקט, די װילײַע גײט און גײט אין דאָרף אַרײַן
און כמורעט זײַנע אָנגעפּרוירענע ברעמען . . .

יע, די װילנער יידישע געטאָ איז פאַרניכטעט געװאָרן, עס איז אָבער ניט מקוים געװאָרן קאַהאַנס טרױם אַז

„וואו ס'פוילט דער שול־הויף וועט אַ גאָרטן זיין

— — — — — — — — — — — — —

און וואו ראַמיילעס הויף וועט זיין פאַרפלייצט מיט שיין" . . .

יע,

„דער אַלטער שלאָסבאַרג זיצט און האָרכט זיך איין
ער קוקט, די ווילייע גייט און גייט אין דאָרף אַריין" . . .

אָבער דער נאַציזם האָט פאַרניכטעט ניט נאָר די געטאָ־גאַסן און די גע־טאָ־הייזער, נאָר אויך די איינוואוינער.
ניט מקוים געוואָרן איז ש. קאַהאַנס חלום.

## רייפע דיכטער־געשטאַלטן

### VII

אַ דיכטער פון אַ גרעסערן פאַרנעם איז אלחנן וואָגלער. ער האָט געשריבן לידער און פּאָעמען. זיין ליד איז קאַלירפול, טרוימעריש, סימבאָליסטיש און גלייכצייטיק רעאַליסטיש. זיינע לידער שפּיגלען אָפּ סיי די צייט, סיי די האָפענונגען פון אַ דור. זיין שפּראַך איז פּאָלקסטימלעך, אידיאָמאַטיש און ליטוויש־לאָקאַל. א. וואָגלער האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט די ליטווישע לאַנדשאַפט. ניט נאָר זיינען אים נאָענט און באַליבט די מענטשן, נאָר די גאַנצע לאַנדשאַפט, מיט די טייכן און בוימער און פויגל. מענטשן ווערן ביי אים פאַרוואַנדלט אין בוימער, און בוימער אין מענטשן — דער גוט־באַקאַנטער אַנטראָפּאָמאָרפישער סטיל און נוסח וואָס אונדזער זיידע מענדעלע האָט אזוי אָפט גענוצט אין זיינע ווערק, ווי למשל, „די ביימער שאָקלען זיך און זאָגן מנחה".

„אַ בלעטל אין ווינט" איז דער נאָמען פון א. וואָגלערס פּאָעמע וואָס ער האָט געשרבין אין תרצ״ד. ער אַליין זאָגט וועגן דעם:

„אין מיינע אומעטיקע סטרפן
האָט זיך דער טויט אַוועקגעשטעלט".

אין אַזאַ טאָן באַשרייבט דער נע־ונד אלחנן בן מאיר וואָגלער זיין ראָמאַן מיטן פלוימען סאָד, זיין חתונה מיטן סאָד — און, צום לעצטן — דעם טויט פון זיין געליבטער

„כ'בין מודיע אַלע קרובים פון מיין צד
אַז דער פלוימען־סאָד: האישה של א. וואָגלער דעם בראָדיאַגע
מיטן ברייטן נאָז
איז אויסגעגאַנגען יונגערהייט אין חודש תשרי שנת תרצ״ד
פון דער חולאת טובערקולאָז".

דער דיכטער א. וואָגלער, וואָס ווי ער דערציילט אַז:

„ביי־טאָג מאָלט ער שילדן, נאָר ביינאַכט אויף די ווענט
שרייבט ער לידער און רעדט צו זיך אַליין".

ער האָט דאָ זיך אויסגעטרוימט אַ פּרעכטיקן חלום — אָבער אַפילו זיין חלום האָט אַ טרויעריקן סוף און זיין געליבטע שטאַרבט. די פּאָעמע איז פול מיט מעטאַפאָרן, מיט אויסדרוקן וואָס איבערראַשן אייך ממש. עס איז פול מיט דער נאַטור און לאַנדשאַפטן, און אַלץ איז דורכגענומען מיט ליבע. עס איז אַ קאָלירפולער געזאַנג וועגן לעבן, פרייד — און אויך טרויער און פאַר־גיין. אויף דער פּאָעמע איז אויסגעגאָסן אַ פּאָלקסטימלעכער חן. זי איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיף־עטישן געפיל.

„און ווייטער, חבר דעמב, ניט מיינט,
אַז מיינער קאָן בלויז פאַרגיסן אַפילו פון רייכע — ״

דאָ האָבן מיר א. וואָגלערן, דעם סאָציאַל־אָריענטירטן דיכטער, וואָס מאַכט חוזק פון די גבירים — אָבער זייער בלוט קאָן ער ניט פאַרגיסן. די פּעמע שלידערט, ווי געזאָגט, דעם דיכטערס חתונה מיטן פלוימען־סאָד — אָבער דאָס איז בלויז די אויסערלעכע פאַבולע פון געזאַנג — אין אמתן איז עס אַ ליד וועגן וואָגלערן און וועגן דער גאַנצער יידישער יוגנט אין פוילן, וועמענס פירזאָגער א. וואָגלער איז.

די פּאָעמע ליידט אַביסל פון צופיל מעטאַפאָרן און פאַרגלייכונגען. די רייכקייט פון זיינע פאַרגלייכונגען וואָס איבערראַשן ביים אָנהויב — ווערן שפּעטער אַביסל מאָנאָטאָן. די גרויסע עשירות פון זיינע מעטאַפאָרן ווערט ווי „אַלץ וואָס צופיל״ אָפּטמאָל איבעריק.

דער שניי איז פון מיין בוך אָן אויסגעריסן בלאַט . . .
אויף אים האָב איך, דער סומנער גייער
מיט מיינע טריט פאַרצייכנט, אַז נע־ונעד
איז וואָגלער אלחנן בן מאיר.

מיט די האַרציקע און אינטימע שורות פאַרענדיקט דער דיכטער זיין ליד, וועגן זיך און וועגן זיין גאַנצן דור. עס איז אַ ליד וואָס מיט איר טרויער, מיט איר האַרציקייט און תמימות גיט דאָך אַ בילד פון אַ צייט, אַן עפּאָכע וואָס איז אַזוי בלוטיק פאַרגאַנגען און אָפּגעגאַנגען.

א. וואָגלערס צווייטע פּאָעמע „צוויי בעריאָזעס ביים טראָקט״ איז פון אַ גרעסערן און טיפערן פאַרנעם. זי איז געשריבן אין זעלביקן טאָן ווי „אַ בלעטל אין ווינט״ און אויך די פּאָעמע ליידט פון אַ צו גרויסער עשירות אין מעטאַפאָרן.

„צוויי בעריאָזעס ביים טראָקט״ איז אי אַ פּערזענלעכע, אי אַ סאָציאַלע פּאָעמע. אויף אַ ברייטן לייוונט מאָלט דער דיכטער סיי זיין אייגן לעבן,

סיי דאָס לעבן פון אַרום. צום אָנהייב לייענט זיך דאָס ליד אַביסל שווער־לעך, אָבער אַז מען לייענט זיך אין איר אַריין, ווערט מען פאַרכאַפּט פון איר פאַרנעם, ליריזם, אידייאישקייט און סטרוקטור. די סימבאָליסטישע פּאָע־מע פאַרמאָגט פאַרשיידענע פאָרמען, און געוויסע ערטער זייַנען אַפילו שטאַרק רעאַליסטיש. אין געוויסע הינזיכטן פאַרמאָגט די פּאָעמע ענלעכ־קייטן צו ט. ס. עליאָטס געשיכטע־מאַכנדיקער פּאָעמע „וויסטלענד". אָבער אַן עליאָטס סאָפיסטיצירטער און גרויסמייסטערישער איינשטעלונג:

. . . — מיט מיליאָנען שטימען
האָט פון זיין האַרץ אַרויסגעשריען זיין
צעפּייניקטער דור. (זייט 39).

מיט די דאָזיקע שורות כאַראַקטעריזירט זיך אַליין דער דיכטער. און אין זיין פּאָעמע האָט ער אונדז טאַקע געגעבן אַ שילדערונג פון זיין דור. א. וואָגלער האָט אינטואיטיוו געפילט אַז אַ גרויזאַמע צייט קומט אָן און דאָס געפיל געפינט אַן אויסדרוק אין זיין ליד.

ער האָט געדאַוונט, געבעטן גאָט, אַז בעסער ווערן זאָל אונדזער
וועלט די פאַרשאָלטענע (זייט 146)

אָבער:

יידישע תפילות זייַנען נאָך טיפער ווי טרערן און גאָט קאָן זיי אויך
ניט פאַרשטיין (זייט 119)

דער פּשוטער א. וואָגלער האָט אין דער פּאָעמע זיך אָפּגעשטעלט אויף די אייביקע פּראָבלעמען פון לעבן און טויט, אויף עטישע פּרינציפּן—אָבער די פּראָבלעמען סטאַרטשען ניט אַרויס, נאָר וואַקסן נאַטירלעך אַרויס פון דער פּאָעמע גופא:

אָ, מאַמע, מאַמע, זאָג מיר וועמענס פּיין איז גרעסער
צי דעם וואָס שטעכט אַ ברודער געצוואונגענערהייט,
אָדער דעם קרבנס, וואָס ליגט אונטער זיין ברודערס מעסער?

און אין דעם טייל פון דער פּאָעמע וואו ער שילדערט, אויף זייער אַ רעאַ־ליסטישן אופן ווילנע, די ווילנער יידן און די ווילנער קעמפער, טרעפן מיר אַזאַ פערז:

פאַר יעטווידן קרבן, וואָס דער גובערנאַטאָר, דער טיראַן, פלעגט מאָרדן
האָט אים מיט מעדאַלן באַשאַנקען די מאַטושקאַ ראַסייע.
אַ מענטשלעך האַרץ איז געווען זיין יעטווידער גילדערנער אָרדן
און אַ שאַרבן — זיין יעדע בייניקע געשניצטע קמיע . . . (זייט 93).

אָדער:

. . . נאָר דער יעניקער, וואָס טוט אפילו אַ וואָרעם שלעכטס
איז נאָך אָרעמער און נידעריקער פאַרן וואָרעם (זייט 79).

א. וואַגלער האָט אָבער אַ שטאַרקן בטחון אין דעם זיג פון דעם פשוטן מענטשן, אין דער גערעכטיקייט:

אַלע קרוינען וועלן פאַרזשאַווערט און צעפאַלן ווערן
אָבער אייביקייט — איז די פּראָסטע
האַנט, וואָס האָט די קרוין געמאַכט אונטערן געפייף
פון טיראַנס נאַגייקע (זייט 99).

אין דער פּאָעמע פילט זיך דער איינפלוס פון משה לייב האַלפּערן און ה. לייוויק. דער גרונט־מאָטיוו פון דער פּאָעמע איז אַ פּעסימיסטישער. און הגם דער דיכטער גלויבט אין דעם ענדגילטיקן נצחון פון פשוטן מענטשן — באַנעמט ער אָבער דעם לאַנגן, טראַגישן וועג וואָס איז באַשערט דעם מענטשן דורכצוגיין.

די פּאָעמע פאַרנעמט זיך מיט אוניווערסאַלע מאָטיוון, זי איז אָבער אַ יידישע פּאָעמע — ווייל א. וואַגלער גיט זיך אָפּ מיט די מענטשן וואָס זיינען אים אַמנאָענטסטן — מיט יידן.

א. וואַגלער האָט זיך פאַרנומען מיט די פּראָבלעמען, מיט וועלכע אַלע גרויסע דיכטער האָבן זיך געראַנגלט. ער זוכט ליבע און יושר, פרייד און שלום, ער פרעגט די אייביקע קשיות וועגן לעבן און טויט.

. . . און ער הערט:
ווי די שטערן סודען זיך: דאָס געזאַנג פון אויטער
וועט לעבן — כאָטש זיינע ביינער וועלן פוילן אין דר׳ערד (ז. 131).

יע, דאָס זיינען אייביקע פראַגן וואָס וועלן שטענדיק באַאומרואיקן דעם מענטשן. א. וואַגלער האָט זיינע פראַגן געשטעלט אין דער פאָרמע פון א

גרויס געזאַנג. ער האָט זיין ליד באַפּוצט מיט קאָלירפולע פּאָעטישע קליי־דער, אָפּטמאָל מיט צופיל קאָלירפולע דעקאָראַציעס.

זיין אוצר איז דער פרומער אָוונט־שטערן דער רויטער,
זיין נשמה — די טליענדיקע ליולקע אָנגעפילט מיט ביטערער
מאַכאָרקע (זייט 153).

די פּאָעמע איז אָנגעפילט מיט אָוונט־שטערן און מיט זונשיין — אָבער אויך מיט אַ סך פאַרביטערניש; אָבער אַזוי זיינען שוין אַלע גרויסע געזאַנגען, ווייל אַזוי איז דאָס לעבן. אין דער פּאָעמע באַרירט אויך דער דיכ־טער די פּראָבלעמען פון קריסטנטום. ער שרייבט וועגן דעם בלאָנדן יידישן יונגערמאַן וואָס די גויים האָבן געמאַכט פאַר זייער גאָט, און אין וועמענס נאָמען זיי האָבן אָנגעפילט די וועלט מיט רשעות, מען איז פשוט איבער־ראַשט פון דער צאָל פּראָבלעמען וואָס דער דיכטער באַהאַנדלט אויף אַזאַ קינסטלערישן אָריגינעלן אופן. „צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט" איז אַ פּאָע־מע וואָס איבערראַשט, רעגט אָן און, צייטנווייז, דערשיטערט. ביידע פּאָע־מעס וואָגלערס האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין די פאָדערשטע רייען פון דער נייער, מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

VIII

כ׳גיי, אַ ווייטער שטערן איז מבטיח
אַז עס איז משיח שוין ניט ווייט.
גייט אַ ייד, גייט אַ ייד
און קיין גואל זעט ער ניט
און די וואָלקנס קראַכן נאָר פאַרשייט. („צוקונפט״, יאַנואַר 1939)

די דאָזיקע קורצע ליד לייזער וואָלפס דריקט אויס זיין דיכטערישן גע־מיט, אַ סך מער ווי זיינע עטלעכע רעוואָלוציאָנערע לידער. לייזער וואָלף האָט באַנומען די טראַגיק פון יידישן לעבן אין פוילן, די אויסזיכטלאָזיקייט און די פיין. ער האָט געזען און געפילט אַז אַלץ אַרום אים שטאַרבט אָפּ, גייט אַוועק. אָבער קיין גרויסע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט האָט ער ניט געזען.

ער האָט טאַקע געשריבן:

ווי אַן אַלטע עקזעקוציע
דורך אַלע טעג פון יאָר
קריכט די עוואָלוציע
אַ דור נאָך אַ דור.
דער דאָן — זשואַן און לוציע
רופן די ליבע, נאָר
איך רוף די רעוואָלוציע
מיט די רויטע האָר. („איך און זיי״, אין „יונג־ווילנע״, נ׳ 1, 1934)

אָבער קיין סך מונטערקייט פילט זיך ניט אין זיינע לידער.

לייזער וואָלף האָט געזען די פאַרעלטערטע, די נעגאַטיווע זייטן פון אַלטן יידישן לעבן. ער האָט די אַלטע יידישקייט ניט פאַראידעאַליזירט. פאַרקערט, ער האָט פּרובירט אין זיינע לידער אַרויסברענגען אַלע טונקעלע זייטן פון דעם אַלטן יידישן שטייגער. זיינע לידער פאַרמאָגן ביטערע אי־ראָניע, סאַטירע, אָבער אויך אַ געפיל פון רחמנות.

ווען לייזער וואָלף באַזוכט דעם ווילנער שול־הויף ווערט ער ניט באַ־גייסטערט פאַר די פּאָר צענדליק שולן וואו יידן זיצן און לערנען און דאַווּ־נען, וואו יידן זיינען ממשיך די אַלטע יידישע טראַדיציע. פאַרקערט, ער זעט ווי:

אין האַרבסט ווערט געל דער שול־הויף ווי אַ מת,
דער ווינט בלאָזט שופר אַלינקע מעת־לעת,
פאַרשיט דעם הויף מיט בלעטער טויטע, געלע
און גדאַלקע זינגט ביים גאונס קלויז קהלת.
— — — — — — — — — — —
דאָ גוססעט נאָך דער וואַסערטרעגער־ייד,
דאָ האָט דער פייערטאָפּ נאָך נישט פאַרגליט,
דאָ חלומט נאָך דער קנאַבלנער מקובל,
דאָ טאַנצט דער לעצטער חסיד אין זיין שטיבל.

לייזער וואָלף זעט ווי דער אַלטער שטייגער פאַרגייט, ער איראָניזירט אָבער לאַכט ניט פון דעם מקובל און דעם לעצטן חסיד. עס פילט זיך אַ שטילער טרויער אין די דאָזיקע שורות. עס אַרט אים יאָ, און עס אַרט אים ניט. עס איז אַ געמיש פון אַ טאָפּלטן געפיל.

לייזער וואָלף, פּונקט ווי אַלע יונג־ווילניאַנער, פאַרנעמט זיך מיט די אייביקע פּראָבלעמען פון לעבן. און ווי אין זיין כאַראַקטעריסטיש ליד „אין סך הכל" פילט זיך די שטימונג פון קהלת, טרויערפולע טענער פון רעזיג־נאַציע:

מיר שטאַרבן אַלע טאָג אין קליינע דאָזעס,
דער אמת איז נאָך ווייט פון מיין געמיט —
ווייל כ׳מיין נאָך אַלץ, אַז טויט, דאָס איז אַ טריט
אין בערגל ערד, באַוואַכט פון צוויי בעריאָזעס.

אַ שטילע צאַרטקייט און אַ פּשטות ליגן אויסגעשפּרייט אויף לייזער וואָלפס פערזן, מיט אומעט זיינען זיי אַלע דורכגעדרונגען:

געבליבן בין איך נאָר מיט די שעהן,
ווי טויטע טרוקענע שלאַנגען
און די ווערטער מיינע וויינען
ווי אין אָוונט פידל־קלאַנגען.

אָבער ניט שטענדיק איז לייזער וואָלף אומעטיק און פאַרטרויערט. עס רייסן זיך ביי אים אויך דורך מונטערע קלאַנגען. ער גיט זיך אַפילו אָפּט־מאָל קינדעריש אַ שפּיל.

פאַרשיידנאַרטיק זיינען לייזער וואָלפס טענער. אַ געמיש פון אומעט און צאַרטקייט, פון רחמנות און איראָניע. און איבער אַלץ דאָמינירט ביי אים די סאַטירע. אין זיין ליד „אייזיק מאיר דיק און די אלמנה ראָם", וואָס האָט אים ווייט באַקאַנט געמאַכט, איז פול מיט פאַרשטיקטער איראָניע און סאַטירע. די שטימונג פון דעם ליד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסער צאָל פון זיינע אַנדערע לידער. ער שרייבט מיט סאַטירע און איראָניע וועגן דעם בורזשואַזן לעבן, וועגן דער דעגענעראַציע אין די בורזשואַזע לענדער, און דערהויפּט חוזקט ער פון די מענטשן פון דער „העכערער געזעלשאַפט". עס מאָלט זייער פּוסטן לעבן און דעם גאַנצן אומזין פון זייער סביבה. די סאַטירע, דער חוזק וואַקסט אַרויס פון די בילדער, פון די אימאַזשן און די שילדערונגען. און נאָך מיט יאָרן פריער, איידער די נאַציס האָבן נאָך אונ־טערגעצונדן די וועלט, האָט שוין לייזער וואָלף געשילדערט די טעמפּקייט, די ברוטאַליטעט און די רציחות פון דעם דייטש (ליד „ביטע"), און אין 1935 פאַרעפנטלעכט ער אַ ליד „די ווערבע" (לויט היינען), וואָס איז פול מיט באַרעכטיקטן האַס קעגן די ברוטאַלע דייטשן. ער שרייט אויס:

מיר וועבן די נעץ פאַרן ברוינעם וואַמפּיר.

אין זיין ליד „די פּייע" שילדערט ער די פּערווערזע פּסיכיק און מיזאַנ־טראָפּישע טענדענצן אין דער גאַנצער דייטשער קולטור. ער ווייזט אונדז דעם אמתן פּנים פון דעם פאָלק וואָס האָט זיך געלאָזט פירן פון די פאַרברע־כערישסטע עלעמענטן:

ווער איז די פּייע? . . .
איצט פאַרבט זי די פליגלען אויף ברוין
און גרייט אירע טונקעלע רייען
צו גיין אויף אייראָפּע, מיין קינד,
מיט אַלע משוגענע הינט,
די פּייע, די פּייע, די פּייע.

נישט געקוקט אויף זיין יידישן און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין איז לייזער וואָלף אַן אמתער בירגער פון אייראָפּע. ער האָט געשריבן ניט נאָר

אויף ספּעציפישע יידישע טעמעס, נאָר אַלגעמיינע מאָטיוון גייען ביי אים האַנט־אין־האַנט מיט די יידישע. ניט נאָר איז ער שטאַרק באַאיינפלוסט געווען פון משה קולבאַקן — נאָר אויף אים האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס ווערלען. אין זיינע לידער געפינען זיך אָפּקלאַנגען סיי פון אונ־דזער איציק מאַנגערן, סיי פון שאַרל באָדלערן. אָבער אין אַלע לידער זעען מיר לייזער וואָלפן דעם מאָדערנעם יידישן דיכטער, וועמענס אינטערעסן זיינען אויך אַלזייטיקע און וועלטלעכע. ער האָט אַ ליד וועגן בעטהאָווענען, „די צענטע סימפאָניע", אַ ליד וועגן שפּינאָזען און אַ ליד וועגן בודאַן. אים זיינען נאָענט בייראָן און לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, און ער פילט זיך נאָענט מיט פּושקינען. אַפילו אָפּקלאַנגען פון דעם סור־רעאַליזם און דעם דאַדאַ־איזם געפינען זיך אין זיינע לידער, — און ספּעציעל דערשפּירט מען עס אין זיין מייסטעריש ליד „אַ בילדער־אויסשטעלונג".

אין 1936 איז אַרויס לייזער וואָלפס פּאָעמע „עווי־גינגאַ". די פּאָעמע איז געדרוקט מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן. דער ריטם פון דער פּאָעמע איז ענלעך צו לאָנגפעלאָוס „הייאַוואַטאַ":

אין די פייכטע טיפע דזשאָנגלס  
אויף די זומפּן זשאַבאַטשוקאַ,  
ביי דעם שוואַרצן וואַסער טשונגאַ  
וואָס אין ווייכן טאָל אַמיקאַ  
לעבט דער אַלטער גוטאַמינגאַ,  
וואוינט דער אַלטער גוטאַמינגאַ.

עס איז אַ פאַנטאַסטיש־פילאָזאָפישע פּאָעמע, אַן אַלעגאָריע פון די אייביקע זוכענישן פון מענטשן.

הגם לייזער וואָלף איז געווען אַ דיכטער, וואָס האָט זיך געפילט היימיש אין פּאַריז און אין רוים, און הגם ער האָט געשריבן לידער אויף אַלגע־מיינע טעמעס, וואו עס פילט זיך דער איינפלוס פון דער אייראָפּייאישער דיכטונג, איז ער אָבער הויפּטזעכלעך געווען אַ יידישער דיכטער. די יידי־שע סביבה האָט אויף לייזער וואָלפן געלייגט איר שטעמפּל — אַפילו ווען ער האָט געדיכטעט אויף ניט קיין יידישע טעמעס און מאָטיוון.. דער יידי־שער טאָן, דער יידישער פאָלקס־מאָטיוו, דאָס יידישע פאָלקס־ליד — זיינען פּאַרט די דאָמינירנדיקע טענער אין זיין דיכטונג. ער האָט דערשפּירט דעם אונטערגאַנג פון אַלט־ווילנע — און האָט שטילערהייט געטרוימט וועגן אויפקום פון אַ ניי ווילנע, פון אַ ניי יידיש לעבן.

ליזער וואָלף איז געווען זייער פּראָדוקטיוו. אין 1936 האָט ער גע־האַט פּאַרטיק צום דרוק אַ גרעסערע פּאָעמע „ערדיש", „מנחם־מענדל און שיינע־שיינדל" (אַ בוך נייע בריוו), „טוביה דער מילכיקער" (פינף מאָנאָ־לאָגן) און „מאָטל דעם מוליערס". לײדער זײנען זײ קײנמאָל ניט דער־שינען און דער גורל פון די מאַנוסקריפּטן איז אונדז ניט באַקאַנט.

## IX

מײַן לײַדנשאַפֿט פֿאַרטיף איך ביז צו איבערצײַגונג,
פֿאַר מיר איז אַלץ אין לעבן אומבאַדינגט.
איך קען ניט זײַן דער פֿויגל אין די צווײַגן,
וואָס וויגט זיך סתם אַזוי און זינגט. (יאַ)

חיים גראַדע איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור אָנגעלאָדן מיט ייִדישן וויסן, ייִדישער טראַדיציע, ייִדישער אומרו און מיט גרויס אחריות. ער האָט פֿרי באַנומען דעם פֿולן באַטײַט וואָס עס מיינט צו זײַן אַ דיכטער ביי אַ צעפּייניקטן פֿאָלק, דערצו נאָך אין אַן אומרואיקער ערב־צײַט. חיים גראַדע האָט געפֿילט אַז אין דער צווישן־צײַט איז ניט מעגלעך צו שרײַבן גלאַט לידער, אַז עס איז ניט קיין צײַט צו שרײַבן לשמה — נאָר אַז דער דיכטער דאַרף אי אויסדריקן דעם גייסט פֿון זײַן תּקופֿה — און אויך וואָרע־נען און קעמפֿן.

יאָ! — דאָס ענטפֿערן די שטערן: אָמן
אויף מײַן יאָמער, וואָס פֿאַרקליידט זיך אין געזאַנג
אַלץ, וואָס האָט אי יאָ אי ניט קיין נאָמען
קעמפֿט אין מיר אַנטקעגן אונטערגאַנג . . .

ווען די היטלער־קאַטאַסטראָפֿע איז אָנגעקומען, איז דאָס ייִדישע פֿאָלק ניט געווען צוגעגרייט פֿאַרן גרויסן אומגליק. קיינער האָט זיך ניט געריכט אויף אַ קאַטאַסטראָפֿע פֿון דעם מאַשטאַב. דערצו איז מען געשטאַנען הילפֿ־לאָז, מיט ליידיקע הענט, קעגן די אַלע קראַכנדיקע סכּנות און אומגליקן. אָבער חיים גראַדע האָט דערשפּירט, ווי אַנדערע היפּער־סענסיטיווע דיכ־טער, אַז אַן עת־צרה קומט אָן, און ער האָט ווי אַ נביא געוואָרנט אַז אַן אַפּאָ־קאַליפּטישע ערא דערנענטערט זיך און קומט אָן:

בײַנאַכט שפּאַן איך אום אין תּכריכים אין ווײַסע
און זויג אײַן די שרעק פֿון מײַן פֿאָלקס קאַטאַסטראָפֿע.
באַגינען — באַלאָדן מיט פֿינצטערע מעשׂות
קום איך אַהער צו די שוואַרצע הקפֿות. (באַלאַדע)

און ניט נאָר האָט ער דערשפּירט דעם אָנקום פון גרויזאַמע צייטן פאַר אונדז, נאָר אַז עס קומט אַן אומגליק אויף דער וועלט:

עס קומען מחשבות צו מיר ווי אַבלים פון פעלד —
זעצן זיך שבעה אַוועק אויפן גורל פון וועלט. (אין וועלפישע צייַן)

און אַפילו ווען גראַדע וויל זינגען אַ ליד וועגן „האַרבסט אין גאָרטן", קאָן ער ניט אַוועקגיין פון דערווירקלעכקייט, קאָן ער ניט פאַרגעסן דעם אָנקומענדיקן שטורעם:

עס בליט און עס פינקלט דער שטערן אין צפון —
אַזוי וועט ער פינקלען מיט טויזנט יאָר שפּעטער.
מיין האַרץ אָבער וועט ווי אַ וואונד בלייבן אָפן
און קלאָגן אַזוי ווי דער ווינט אין די בלעטער.

חיים גראַדע האָט געפילט אין זיך די גרויסע אחריות פון אַ יידישן דיכטער. ער געהערט צו די פּירזאָגער פון אונדזער אומה. אמת, אין זיין טיפן געמיט איז ער געווען רעוואָלוציאָנער — און ער האָט געשריבן רעוואָלוציאָנערע לידער — אָבער הויפּטזעכלעך איז ער געווען אַ יידישער דיכטער, מיטן טראָפּ אויף יידישקייט, און דערפאַר האָט ער אויסגעדריקט די טראַגעדיע פון גאַנצן יידישן פאָלק.

חיים גראַדע איז געווען אַ טיף־נאַציאָנאַלער דיכטער — אַ דיכטער וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די בעסטע טראַדיציעס און די בעסטע אידעאַלן פון יידישן פאָלק. אמת, גראַדע האָט זיך געזאָרגט פאַרן גורל פון דער גאַנצער וועלט — אָבער ראשית און פריער פאַר אַלץ האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיטן גורל פון יידישן פאָלק. ווייל חיים גראַדע, וואָס איז געקומען פון דער ישיבה און פון די מוסרניקעס און איז געווען דורכגענומען מיט דעם רעליגיעזן יידישן וויסן — איז אָבער אויך געווען אַ מאָדערנער מענטש — וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך סיי די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, סיי די אייראָפּייאישע. ער האָט באמת סינטעזירט די אַלטע און נייע יידישקייט: אַלט־ווילנע און ניי־ווילנע און יידישקייט מיט אַ צוגאָב פון די בעסטע עלעמענטן פון דער וועלט־קולטור.

גראַדע איז געווען באַלאָדן מיט די וויזיעס פון יחזקאל, ירמיהו, משה לייב האַלפּערן און ה. לייוויק; מיט דער טראַדיציע פון שלמה איבן גבירול

און משה קולבאַק. ער איז געווען דורכגעזאַפּט און באַלאַדן מיט דער גאַנ־צער אַלטער און נייער יידישער קולטור.

עס זיינען געווען צייטן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווען אַ סך שריי־בער האָבן זיך באַצויגן מיט פּחיתת הכבוד צו דער אַלטער רעליגיעזער יידי־שער קולטור. אַ סך יידישע שרייבער האָבן געפילט אַז די אַלטע יידישע קולטור האָט שוין אָפּגעלעבט איר צייט, און אַז יידישע שרייבער דאַרפן זיך אָריענטירן נאָר אויף דער מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור. איצט, ווידער, לעבן מיר אין אַ תקופה וואו די יידישע ליטעראַטור אַלס גאַנצע אָריענטירט זיך הויפּטזעכלעך אויף אונדזער אַלטער קולטור — און וויל זיך אינגאַנצן אָפּקערן פון דער מאָדערנער וועלט־קולטור — פון דעם גאַנצן באַגריף „איי־ראָפּע". מיר מיינען אַז אין ביידע פאַלן איז דאָ אַ געפאַר. פונקט ווי עס איז אומגעזונט פאַר דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור זיך אָפּזאָגן חלילה פון דער אַלטער יידישער קולטור, אַזוי איז געפערלעך פאַר אונדזער קולטור אָפּצוזאָגן זיך פון וועלטלעכקייט און פּראָגרעס. ווייל אויב מיר קערן זיך פון וועלטלעכקייט און מיר שטעלן זיך מיטן פּנים נאָר צו אונדזער עבר, און אָריענטירן זיך נאָר אויף דער אַלטער קולטור־ירושה— איז צו וואָס דאַרף מען האָבן אינגאַנצן אַ יידישע ליטעראַטור? און די יידישע אָרטאָדאָקסיע איז טאַקע געקומען צו אַזאַ שלוס. פאַר דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, וואָס אָריענטירט זיך נאָר אויף דער אַלטער יידישער קולטור — מיינט די יידישע ליטעראַטור גאָרנישט. די יידישע ליטעראַטור האָט אַ זין בלויז ווען זי אַסימילירט אין זיך קריטיש די אַלטע יידישע קולטור — און זי אַבסאָרבירט אין זיך די בעסטע עלעמענטן פון דער פּראָגרעסיווער וועלט־קולטור, און געפינט אַן אויסדרוק פאַר איר אייגענער תקופה. און חיים גראַדע, וואָס איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון דער ישי־בה און פון ליטווישן מוסר־שטיבל — ער, וואָס איז געווען, — באַנוצנדיק זיך מיט אַן אויסדרוק פון הרב יוסף סאָלאָווייטשיק — דער אמתער גמרא־ייד, האָט אויף אַ גליקזעליקן אופן סינטעזירט די אַלטע יידישע קולטור און די מאָדערנע וועלט־קולטור. ער האָט טאַקע געפילט

וי עס פוילט אויף איר מיסט גאַנץ אייראָפּע
ער האָט זיך אָבער פון „אייראָפּע" ניט אָפּגעזאָגט —

אין אַ רעדע וואָס גראַדע האָט געהאַלטן אויף אַן אָוונט, וואָס עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד אים אין פאַרבינדונג מיט דער איקוף־פּרעמיע וואָס ער האָט באַקומען, האָט גראַדע געזאָגט, אַז: „די לעצטע צייט האָב איך כסדר געבענקט נאָך דער פינצטערניש אין הייל פון וואַנען איך בין אַרויסגעקומען, נאָך יענער איינזאַמקייט וואָס האָט פאַרמירט מיין לעבנס־

סטיל . . . אָבער איך ווייס: צו יענע קאָשמאַרן און שטימונגען טאָר איך זיך ניט אומקערן. מיין וועג איז צו דער געזעלשאַפט, צו אירע פּראָבלעמען און צילן, אַט־דאָס איז די אחריות וואָס איך פיל אויף זיך . . . די קונסט איז פאַרן מענטשן, ווי דער שבת אויף רו: כאָטש די רבנים האָבן אונדז געוואָלט איינריידן, אַז דער ייד איז באַשאַפן געוואָרן פאַרן שבת. יעדע פאַרפולקאָמונג פון דיכטערישן וואָרט איז כדי געניויער, פּרעציזער און קלאָרער איבערגעבן דאָס לעבן אין אַלע ניואַנסן . . . אפשר נאָך קיינמאָל ניט ווי היינט איז דער יידישער ליטעראַטור באַשערט געווען צו דערפילן אַזאַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. אפשר נאָך קיינמאָל ניט ווי היינט האָבן יידישע שריפטשטעלער אַ מעגלעכקייט געהאַט צו דערוויזן ווי בייטיק זיי זיינען . . . ".

חיים גראַדע האָט אויף זיך גענומען די גרויסע אחריות צו זיין אַ דיכטער ביי יידן, און ער האָט די דאָזיקע שליחות אויסגעפילט. ער האָט ניט געשריבן לידער צוליב לידער — נאָר ער האָט געשריבן לידער מיט אַ ציל, אַ תכלית. אָבער געשריבן האָט ער אויף אַ מייסטערישן אופן. ער האָט באמת קאָמבינירט פאָרם און תוכן. אין דער זעלביקער רעדע האָט גראַדע געזאָגט: „אין אַ תקופה פון ירידה מוז דער דיכטער אויפהויבן זיין שטים מיט בטחונדיקן געזאַנג. אַזוי וועט ער זיך לערנען פון די נביאים, וועלכע האָבן אין צייטן פון האָפערדיקייט געוואָרנט פאַר דער סכנה, און אין חורבן, ווען אַלץ איז שוין געווען צעשמעטערט — אָנגעזאָגט דעם תחית־המתים".

גראַדע האָט די דאָזיקע ווערטער דורכגעפירט אין זיין דיכטונג. ער האָט ממשיך געווען די נביאישע טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. און ווייטער אין דער זעלביקער רעדע זאָגט דער דיכטער:

„יעדן מאָל ווען איך לייען די נביאים נעמט מיר אַרום אַ ציטער פון ערנסט פאַר יענע גרויסע ווילדע און איינזאַמע נשמות — יענע גרויזאַמע שטראָפערס, וואָס האָבן אין זעלבן אויגנבליק ווען זייערע פאַראויסזאָגונגען זיינען געוואָרן מקוים, און אַלץ האָט געקראַכט — אין דער זעלבער רגע זיינען זיי שוין געוואָרן די אָנזאָגערס פון אַ נייעם מאָרגן.

„איז עס פּרעטענציעז אָדער שרייעריש ווען איך זאָג, אַז יידישע דיכטערס דאַרפן זיך היינט באַמיען צו ווערן פלוטאַרכס און פאַראייביקן דעם העלדן־גערעַנגל פון יענער טייל מענטשהייט, וואָס קעמפט פאַר באַפרייאונג ?

„ . . . אויף דעם אופן וועלן מיר אויך הייליק האַלטן די ירושה און דעם אָנדענק פון די נייע יידישע דיכטער.

„מיר מוזן אַ זינען געבן דער מאַטערניש פון מאָריס ראָזענפעלד, וואָס איז פאַרפייניקט געוואָרן אין שאַפּ, דעם בלייכן דוד עדעלשטאַט, וואָס האָט

אויסגעשפּיגן זיינע לונגען אין אַ קעלער, יוסף באָװשאָװער, װאָס איז געשטאָרבן אין אַ משוגעים־העמד, יהואָשן, װאָס איז פאַרפרוירן געװאָרן אויף אַ בוידעם־שטיבל אין ניו־יאָרק, משה לייב האַלפּערן, װאָס האָט אין צייך־קריצעניש אויפגעגעבן זיך אַליין, זוכנדיק אַ גאָט, און לייװיקן, װאָס טראָגט אויף זיין װייסן קאָפּ דעם גאַנצן שניי פון סיביר . . .

„מיר מוזן אַ זינען געפינען פאַר אונדזערע אייגענע ליידן, כדי אונדזער טראַגעדיע זאָל ניט װערן לעכערלעך, װי ביי אַ טייל פון די ברידער אונדזערע, װאָס מוזן אָפּקומען פאַר עפּעס װאָס זיי װילן ניט זיין. מען האָט זיי אָנגעװאָרפן צו זיין יידן. און כאָטש זיי זעען, אַז מיניסטאָרן מוזן אַװעק צוליב אַן עלטער־באָבע אַ יידישקע — רייסן זיי זיך צום שמד.״

די רעדע האָט גראַדע פאַרענדיקט מיט די דאָזיקע רייד:

„מיר קענען זיי אָבער זאָגן מיט די װערטער פון נביא יחזקאל צו די אַסימילאַטאָרן פון זיין צייט: והעולה על רוחכם . . . און דאָס װאָס איר רעדט זיך איין, אַז איר װעט װערן װי די פעלקער אַרום אייך, און זיך מיט זיי פאַרמישן — היה לא תהיה! דאָס װעט ניט זיין! מיט גװאַלד, מיט שטורעם און צאָרן װעל איך אייך . . . צװינגען צו זיין אַ פאָלק . . .

„מיר מוזן אַ זינען געפינען,, אַ גורלדיקע פאַרענטפערונג און אַ װערט אין אונדזערע ספיקות, דורכפאַלן און דערגרייכונגען; מיר מוזן געפינען אַ זין פאַר אונדזער אָפּקומעניש צו זיין דער בליך־אָפּפירער אין אַלע װעלט־קאַטאַקליזמען און װייל אונדזער גורל איז צוליב טויזנטער סיבות דערזעלביקער, װאָס פון דער קעמפנדיקער מענטשהייט — מוזן מיר װערן אירע באַװאוסטזיניקע פאָראויסמאַרשירער.

אין דעם זאָל אויך דער יידישער דיכטער געפינען זיין ציל, זיין רן און זיין שלימות״.

חיים גראַדע האָט דידאָזיקע רעדע דורכגעפילט. זי איז געװען ניט נאָר אַן אַבסטראַקטע פּראָגראַם — נאָר ער האָט די װערטער פאַרװאַנדלט אין טאַט — אין מעכטיקע געזאַנגען, װאָס האָבן פאַר אונדז אַנטפּלעקט סיי גראַדעס אייגענע זוכענישן און פייניקונגען, סיי דעם גרויל פון דער צייט, פון דער תקופה. די צעפּייניקטע נשמה פון חיים גראַדען און דעם גאַנצן דור האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין גראַדעס דיכטונג. גראַדעס דיכטונג פאַרװיגט ניט — נאָר זי רעגט אָן, זי צװינגט צו פאַרטראַכטן זיך סיי װעגן דעם גורל פון דער װעלט, סיי װעגן גורל פון דעם יידן. װען מען לייענט גראַדעס לידער, צי עס איז „סדום״, אָדער „יחזקאל״, צי עס איז „װילדע פרייד״ („צוקונפט״, 1938), אָדער „אין פייער פון פאַרטאָג״ („צוקונפט״, 1938), אָדער דער „אוקראַינער פרוש״, פילט מען אַז גראַדע ליידט װי אַ

ייד און מענטש (באַנוצנדיק זיך מיט חיים זשיטלאָווסקיס טרעפלעכן אויס־דרוק.) און אַז מען לייענט גראַדעס „חורבין" („צוקונפט", יולי 1939) וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ צוויי חדשים ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה — ווערט מען פשוט איבערראַשט פון זיינע וויזיעס, פון זיינע פּראָבלעמען און זיינע ראַנגלענישן:

וויי צו דיינע זין די צוואַנציק־דרייסיק יאָריקע
וואָס מען וויל פונדאַנען זיי פאַרטרייבן.
שטייען זיי מיט אויסגעשפּרייטע הענט: וואוהין?
אַלע טויערן און טירן זיינען צו —
שלאָף, דו איבעריקע חרובע חורבין,
איילעליו!

גראַדעס ליד „צוויי חברים" („צוקונפט" 1937) וואָס ער האָט געשריבן וועגן דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער מיכל נאָטיש און וועגן דעם דער־מאָרדעטן דיכטער לייב גערמאַניסקי — גיט אונדז אַ בילד פון אַ גאַנצן דור. אין זיין „געוויין פון דורות (1936) קומט צום אויסדרוק דער געשיכט־לעכער שווערער גורל פון יידישן פאָלק אין וועלכן גראַדע וועבט אַריין די טראַגיק פון זיין אייגענעם דור.

דריי פרילינגס פעלן מיר צו דרייסיק יאָר,
און אַלע בלעטער פון מיין יוגנט האָב איך שוין פאַרלאָרן.
דער האַרבסט האָט אויסגעריסן מיינע האָר,
אויף מיין אַקסל האָב איך שוין געטראָגן ניט איין אָרון.
(„יידישע קולטור", 1939).

ס'האָט זיכער אַ סך, אַ סך איבערגעלעבט דער יונגער גראַדע ווען ער האָט געשריבן די דאָזיקע שורות, אָבער ניט ווייניקער האָט דער דיכטער דורכגעלעבט ווען ער האָט אויך אָנגעשריבן אַזוינע שורות:

און ס'בלוטיקט זיין שטערן צווישן די גלויביקע אויגן,
וואו אַ ייד דעם של־ראש באַדאַרף לייגן. („יידישע קולטור" 1940).

דער גמרא־ייד חיים גראַדע האָט אונדז אויך געגעבן די גרויסע פּאָע־מע „מוסרניקעס". און גראַדע, וואָס האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט אין דער

נאָוואָרעדקער ישיבה — האָט אונדז געגעבן דאָס גרויסע ליד וועגן דער ישי־בה און דעם מוסר־שטיבל. דער גמרא־ייד האָט אונדז געגעבן אַן אָביעקטי־ווע שילדערונג פון דער ישיבה. ער שילדערט אָן איבעריקער התפעלות די ישיבה. ער איעדאַליזירט ניט — ער ברענגט אַרויס סײַ די וואָכעדיקייט, סײַ די קדושה פון דעם אַלטן יידישן לעבן. גראַדע איז צוגעגאַנגען צו דער ישיבה און צו דעם מוסר־שטיבל נישט ווי קיין צוגעקומענער אָדער ווי אַ צוריקגעקומענער, נאָר ווי אַן אייגענער, ווי אַ מאָדערנער מענטש. און ער האָט דיכטעריש אַרויסגעכישופט פאַר אונדז לעבעדיקע מענטשן וואָס פּייניקן זיך, וואָס ראַנגלען זיך מיט די אייביקע פּראָבלעמען, וואָס זוכן אַ וועג צו אויסלייזונג, דורך זעלבסט־פאַרלייקענונג. גראַדע באַרירט פּראָב־לעמען וואָס האָבן באַאומרואיקט די אַלטע יידישע גייסטער, דעם רמבם, און שלמה איבן גבירול, די קאַבאַליסטן, שפּינאָזען, און די מאָדערנע יידישע און וועלט־פּאָעטן. דער גמרא־ייד גראַדע ווייס ווי אָפּצושאַצן דעם אַלטן יידישן שטייגער, די אַלטע יידישע ווערטן, אָבער גלייכצייטיק חוזקט ער ניט און קערט זיך ניט אָפּ פון דער מאָדערנער וועלט.

גראַדע האָט אונדז געגעבן דאָס געזאַנג פון זיין און אונדזער צייט, די שרעק פון דער ערב־צייט, דעם גרויל פון דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. חיים גראַדע איז דער גרויסער דיכטער פון דער אַפּאָקאַ־ליפּטישער צייט.

## X

געפאַנגען, געפאַנגען,
אויף אייביק געפאַנגען
בין איך אין דעם הימלס געשליפענע קלאַנגען,
ניטאָ קיין אַרויס פון די בלאָע געצאַמען
וואָס פלאַמען. (געפאַנגען)

דער מייסטער פון וואָרט, דער צאַרטער ליריקער, דער מכשף פון קאָ־לירן, אָוונט־גאָלד, פון וואָלדיקס, פון אָזיערעס, דער זעער — דאָס איז אברהם סוצקעווער. קיינער פון די יונג־ווילניאַנער האָט אַזוי ניט באַהערשט די איינציקע שורה, דאָס איינציקע וואָרט, ווי דער ייִנגסטער פון דער גרו־פּע, א. סוצקעווער. ער איז געווען געפאַנגען פון קאָלירן, פון שטערן — און פון דער מיסטעריע פון לעבן. אַ. סוצקעווער האָט דערפירט דאָס ליד פון קאָליר און קלאַנג צו אמתער שלימות.

דו שרייבסט . . . און ווי סקולפטורן אויסגעהאַקט פון גראַניט
צעפליגלען זיך געשטאַלטן.

אַזוי שרייבט סוצקעווער אין זיין ליד צו ציפּריאַן נאָרוויד. אָבער דאָס קאָן געזאָגט ערן וועגן סוצקעווערן גופא. ער האָט געפונען די דינסטע ניואַנסן פון אונדזער יידיש לשון — און האָט זיי פאַרוועבט אין לידער. אין דעמזעלביקן ליד זינגט סוצקעווער:

. . . העלע, פלאַטערדיקע גייסטער
און דו — ווי פאַוסט מיט מעפיסטאָן, ראַנגלסט זיך מיט ליד
און ווייסט נישט ווער דער זיגער איז, און ווייסט נישט ווער
דער מייסטער.

אָבער וועגן סוצקעווערן קאָן מען זאָגן אַז אויב ער האָט זיך געראַנגלט מיט ליד, ווייס מען אָבער אַז ער איז אַרויס פון געראַנגל דער זיגער און מייסטער.

אַלץ איז ווערדיק פאַר מיין אויגס געוואָגל,
אַלץ איז חשוב, טייער פאַר מיין סטראָף:
גראָזן, ביימער, ערד, אַ קוואַל, אַ לאָגל
און די ווייטע פאַרביקייט פון שלאָף.
און אין אַלץ באַגעגן איך אַ שפּליטער
פון אין סוף.

— — — — — — — — — — — —

אַלץ וואָס ווערט פון מיר דערפילט, איז מייניק.
וואו נאָר ס׳גרייכט מיין וואָרט, בין איך פאַראַן.
ווי אַ קוואַל אין מדבר שלאָגט דער תענוג
און ער לאָקט מיין לעבנס קאַראַוואַן.
און אין אַלץ, אין אַלץ איז דאָ דער סימן
פון מיין שפּאַן. (וואַלדיקס, זייט 5)

אַלץ וואָס סוצקעווער האָט געפילט, און דורכגעלעבט, אַלץ וואָס ער האָט געדענקט פון זיין יוגנט אין סיביר, האָט ער אונדז געגעבן אין זיין דיכטונג. און צו אַלץ צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט — האָט געקראָגן אַ דיכטערישן תיקון. און אויסגעדריקט האָט ער עס אין אַ מייסטעריש־קאָנצענטרירטער פאָרמע, אין סאַמע דעליקאַטסטע ניואַנסן און שטריכן. ער איז ניט ווייניקער מאָלער ווי מייסטער פון קאָלירן. ער קלייבט אויס און סינטעזירט די איידלסטע קאָלירן מיט די דורכזיכטיקסטע פאַרבן, און גיט אונדז אַ שלל נייע בילדער, אימאַזשן, וואָס רופן אַרויס אַסאָסיאַציעס, זכרונות און דורכגעפילטע וויזיעס. זיינע לידער פאַרמאָגן עפּעס פון שעליס תמימותדיקן פאַנטעאיסטישן קוק אויף וועלט און מענטש.

א. סוצקעווער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון אונדזער מאָדערנער דיכטונג. ער האָט איינגעוועבט אין זיין שטריקערײַ דאָס מאָדערנע פון דעם אינזיכיזם, און אידייאיש איז ער געווען באַאיינפלוסט פון תנך, פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער און פון די פּראָגרעסיווע געדאַנקען פון זיין צייט. אָבער א. סוצקעווער איז ניט געווען אַזוי שווער באַלאָדן מיט יידישקייט ווי גראַדע. זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין דעם ווייטן סיביר. א. סוצקעווער האָט אין זיך איינגעזאַפּט ניט נאָר אונדזער יהואשן, נאָר אויך דעם פּוילישן ציפּריאַן נאָרוויד. ער פילט זיך היימיש ניט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור — נאָר אויך אין דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. און דאָך איז א. סוצקעווערס דיכטונג יידיש דורך און דורך — אָבער אין דערזועלביקער צייט איז זי אויך אַלמענטשלעך. סוצקעווערס דיכטונג איז דער בעסטער ענט־

סטרייק אין ניו־יאָרקער האַפן — ראָזע סוצקעווער.

פער יענע שרייבער אונדזערע וואָס ווילן זיך איצט אָפּקערן אינגאַנצן פון דער מאָדערנער וועלט און זיך אומקערן נאָר צו אונדזער אַלטער טראַדיציע. אַן ענטפער אויף דעם איז דער קאָסמאָפּאָליט סוצקעווער, וואָס האָט זיך געפילט אַזוי היימיש אין דער מאָדערנער וועלט און האָט אונדז דאָך געגעבן גרויסע יידישע דיכטונג. דער ייד און מענטש סוצקעווער האָט אונדז גע־געבן דאָס גרויסע יידישע ליד „די טויערן פון געטאָ", „אָ נאַכט מיט שפּי־נאָזען", „אַ פייער פויגל", „ציפּריאַן נאָרוויד" און „שטערן אין שניי". וועלטלעכקייט האָט א. סוצקעווערן גאָרניט געשאַדט. פאַרקערט, זי האָט באַרייכערט זיין וויזיע, געגעבן פאַרשיידנאַרטיקייט זיין פאָרם:

אָ, וואו ענדיקט זיך די וועלט? — פאַרפּלאָנטערט
בין איך אינעם שניי און זוך באַשייד.
זאָגט דער טאַטע: וואו דער האָריזאָנט דאָרט
הינטער באַרג גראַניטענעם פאַרגייט . . .
איז עס אמת? אויב אַזוי באַדאַרף מען
עס אַליין אַ קוק טאָן. און אַ פלי
צו דעם באַרג. אויף זילבערנע האַרפן
שפּילט דער ווינט. ס'איז העל. כ'בין פול מיט גלי
פון מוזיק צעיובלטער. עס מאָנען
מיינע טריט דערלייזונג אין געלאַף,
כ'האָב צום ערשטן מאָל געפּרוווט דערלאַנגען
דעם אָרום — צעלויכטענער באַשאַף. (שטערן אין שניי, ליד 3).

א. סוצקעווער האָט טאַקע געטאָן „אַ פלי צו דעם באַרג". דערפאַר אָטעמט מיט אַזויפיל רחבות און לויטערקייט זיין יעדע איינציקע שורה וואָס איז אין תוך אַזוי קאָנדענסירט.

ער האָט זיך געראַנגלט, ער האָט געזוכט אַ באַשייד. אים האָבן אינ־טערעסירט פּראָבלעמען, דער גורל פון דעם בן־אדם. ער האָט געזוכט ענט־פערס אויף די גרונט־פּראָבלעמען פון לעבן און טויט. און אַלע זיינע זור־כענישן, זיינע קאַמפן, האָט ער אונדז געגעבן אין פאַנטעאַסטישע וויזיאָ־נערישע לידער, וואָס זיינען אויסגעמייסטערט געוואָרן פון די הענט פון אַ גרויסן קינסטלער. אויף זיינע מוזיקאַליש־קאָלירפולע פערזן שוועבט אַלע־מאָל דער גייסט פון רונדקייט און שלימות.

:: :: ::

אין דער הקדמה צום ערשטן זאַמלהעפט „יונג־ווילנע" ווערט געזאָגט:

„יונג־ווילנע" — אַ יונגע קינסטלער־גרופּע, האָט זיך געגרינדעט מיט פינף יאָר צוריק. דער ציל איז געווען: צונויפזאַמלען אין איין קרייז די ווילנער יונגע דיכטער, מאָלער און געמיינזאַם שאַפן מעגלעכקייטן פאַר זעלבסט־אַנטוויקלונג". ווען די דאָזיקע גרופּע איז געגרינדעט געוואָרן האָבן די דעמאָלט יונגע בחורימלעך פון יונג־ווילנע, ווייזט אויס, אַליין נאָך ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ חשוב און אָנגעזען אָרט זיי וועלן, אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר, פאַרנעמען אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי האָבן ווייט אַריבערגעשטיגן די באַשיידענע אויפגאַבן וואָס די גרופּע האָט זיך געשטעלט ביים אָנהייב — „געמיינזאַם שאַפן מעגלעכקייטן פאַר זעלבסט־אַנטוויקלונג". היינט־צו־טאָג זיינען זייערע נעמען נישט נאָר צווישן די חשובסטע איינצלנע נעמען אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך מער ווי דאָס, זיי האָבן אַלס גרופּע פאַרצייכנט און אַריינגעשריבן אַ וויכטיקע קונסט־דאַטע אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

# עפילאָג

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 האָט נאַצי־דײַטשלאַנד אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה. די נאַציִשע אַרמייען זײַנען באַפאַלן פּוילן און אין געציילטע טעג איז די פּוילישע אַרמיי צעשלאָגן געוואָרן. אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָבן די נאַצי־האָרדעס פאַרנומען מערב־ און קאָנגרעס־פּוילן.

דעם עלפטן סעפּטעמבער 1939 האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן פאַר־נעמען מערב־אוקראַיִנע און מערב־ווייסרוסלאַנד און דעם 18טן סעפּטעמבער איז שוין די רויטע אַרמיי אַרײַן אין ווילנע. סוף אָקטאָבער פון זעלביקן יאָר, נאָך אַן אָקופּאַציע פון אַ פינף וואָכן — איז ווילנע איבערגעגעבן געוואָרן צו ליטע. ווילנע ווערט דאַן די הויפּט־שטאָט פון ליטע. עס ווערט דאָן גע־שאַפן אַ נאָענטער קאָנטאַקט צווישן די יונג־ווילנער און די יידישע שרייַ־בער פון קאָוונע. די יונג־ווילניאַנער פאָרן קיין קאָוונע, וואו זיי טרעטן אויף אויף ליטעראַרישע אָוונטן.

אין ווילנע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אַ סך יידישע שריפטשטעלער, וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון וואַרשע. די יונג־ווילניאַנער באַפרײַנדן זיך מיט זייערע עלטערע קאָלעגן און העלפן זיי אַרויס מיט וואָס נאָר עס איז מעג־לעך. אָנהייב זומער 1940 איז אין ווילנע אַרויס אַ זאַמלבוך אונטערן נאָ־מען „אונטערוועגנס", אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. טרונק, נח פּרילוצקי און ישראל ראבאן. מיט לידער האָבן זיך דאָרטן באַטייליקט חיים גראַדע, אברהם סוצקעווער און א. וואָגלער.

סוף יוני 1940 האָט די רויטע אַרמיי פאַרנומען גאַנץ ליטע. ליטע איז געוואָרן אַ טייל פון דער סאָוועטישער פעדעראַציע.

די יונג־ווילניאַנער זײַנען גלייך צוגעצויגן געוואָרן צו דער סאָוועטיש־יידישער קולטור־אַרבעט. די פינף טעגלעכע יידישע צייטונגען אין ווילנע, און אַלע טעגלעכע יידישע צייטונגען אין קאָוונע ווערן פאַרמאַכט, און אויף זייער אָרט קומען אויף דער קאָוונער „עמעס" און דער ווילנער „עמעס". די יונג־ווילניאַנער ווערן מיטאַרבעטער פון די צייטונגען, וואו זיי דרוקן לי־דער. אָבער די לידער זײַנען שוין אינגאַנצן אַנדערע. די דיכטער פּאַסן זיך צו צו דער נייער צייט און צו די נייע שטימונגען און פאָדערונגען. ווען עס קומט אָן גרינגער, און ווען עס קומט אָן שווערער, אָבער אַלע ברעכן זיך איבער. אַלע פּאַסן זיך צו צו דער נייער ליניע. חיים גראַדע, וואָס איז

אין שטוב — בענציע מיכטאָם.

געווען, ווי פריער געזאָגט, אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן, און וואָס האָט אונדז געגעבן אַזוינע טיפע יידישע ווערק וואָס זיינען דורכגע־דרונגען מיט אַזוי פיל ליבע צו זיין שטאָם, שרייבט שוין אין אַ ליד:

איך קרעכצעט אויפן חורבן פון דער עדה
בלוטזויגער, כלי־קודש, מעקלער און הורטאָווניקעס.

אָנשטאָט דעם „געוויין פון די דורות", „דער אוקראַינער פרוש", גיט ער אונדז אַ ליד:

אַ טליתים־וועבער איז געווען מיין זיידע,
אַ שווייגער — האָט מען אים פאַררעכנט פון די למד־וואָווניקעס.
יאָ, ער האָט געשוויגן . . . זיין פּראָטעסט
האָט ער פאַרוועבט אין זילבער, שטיקער זייד און וואָל,
און ברייטע באַלעבאַטים, יונגעלייט אויף קעסט,
אין גילדענע עטרות האָבן זיך געדבקהט אויפן קול
און ניט דערהערט דעם ווייגעשריי —
פון שטאָף פאַרוועבט מיט פסוקים פרומע.
וואָלט אימיצער דערפילט פון זיי
דעם האָס — אַ שוידער וואָלט אים דורכגענומען.

דאָס איז שוין ניט דער גראַדע פון „יונג־ווילנע", נאָר אַ נייער גראַדע וואָס שרייבט שוין לויטן נייעם נוסח.

מיט דער אָקופּאַציע פון ווילנע דורך דער רויטער אַרמיי ווערט פאַרענ־דיקט די עפּאָכע, סיי פון אַלט־ווילנע, סיי פון יונג־ווילנע. די גרופּע „יונג־ווילנע" האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט, און ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע גייט זי אונטער.

דעם 22טן יוני 1941 האָט היטלער אָנגעהויבן די מלחמה מיטן סאָ־וועטנפאַרבאַנד — און דעם 23טן יוני האָבן שוין די נאַצי־האָרדעס פאַרנו־מען ווילנע.

חיים גראַדע און א. וואָגלער זיינען עוואַקואירט געוואָרן קיין אוזבע־קיסטאַן. לייזער וואָלף איז נאָך אין 1940 געקומען קיין מאָסקווע, אין פרי־לינג 1943 איז ער אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפע אין אוז־בעקיסטאַן. אין די דריי יאָר וואָס ער איז געווען אין רוסלאַנד האָט ער דאָרט

אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל לידער אויף פּאָליטישע און סאָציאַלע טעמעס אין דעם סאָוועטישן נוסח.

חיים גראַדע און א. וואָגלער האָבן זיך דאַן איינגעבירגערט אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, און זיינען ביידע שעפעריש אַקטיוו.

די מלחמה האָט אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליטעראַטור אַרויס־גערופן שטאַרקע נאַציאָנאַלע געפילן. רוסישע דיכטער און שריפטשטעלער האָבן אָנגעהויבן שרייבן וועגן נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, וועגן פּאַטריאָטיזם און וועגן ליבע צום אייגענעם פאָלק. און ענלעכע מאָטיוון האָבן זיך אָנ־געהויבן פילן ביי די סאָוועטישע יידישע דיכטער. חיים גראַדע און א. וואָגלער האָבן זיך דעריבער אומגעקערט צו זייער אָריגינעלן קוואַל, און די לידער וואָס זיי שרייבן איצט האָבן אַ שטאַרקע ענלעכקייט מיט די לידער פון דעם „יונג־ווילנע" פּעריאָד. און דאָס זעלביקע קאָן מען אויך זאָגן וועגן די נייע לידער פון א. סוצקעווערן.

ש. קאַטשערגינסקי און אברהם סוצקעווער זיינען אין יוני 1941 גע־בליבן אין ווילנע. זיי האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו עוואַקוירן.

אין דער ערשטער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, ווען די ווילנער יידן האָבן נאָך ווי עס איז געקאָנט עקזיסטירן, האָבן ביידע, סיי סוצקעווער, סיי קאַטשערגינסקי, שטאַרק אָנטיילגענומען אין דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון דער געטאָ. ביידע האָבן געהאָלפן בויען דעם פאָלקס־אוניווערזיטעט, אַ כאָר, אַ טעאַטער, און אַ פאָלקס־ביבליאָטעק. א. סוצ־קעווער און ש. קאַטשערגינסקי האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דעם מימיאָגראַ־פירטן געטאָ־בולעטין.

אברהם סוצקעווער האָט אין דער ווילנער געטאָ געשריבן לידער וואָס זיינען געהיים פאַרשפּרייט געוואָרן. אויף אַ געהיימער פייערונג, דעם 1טן מאַי 1943, האָט סוצקעווער געלייענט אַ קאַמפּס־ליד וואָס האָט זיך פאַר־ענדיקט:

זאָל אָפּדאַרן יענעם דעם אָרעם דער רעכטער
אויב ער וועט ניט וואַרפן זיך קעגן דעם שעכטער!
מיר מוזן דערפילן די לעצטע געבאָטן
פון אַלע, פאַרשלונגען אין אייביקן שאָטן.
עס זאָל ניט פאַרשעמט זיין דאָס ווילנער געפלעמל,
וואָס צאַנקט און גייט אויס אונטער אַשיקן דרעמל
און האָט ניט קיין כוח מיט וואָס זיך צו שפייזן.
ניט וואַרטן באַרוט,

מיט בלוט פאַר בלוט
אַ נעם טאָן דאָס אייזן!

א. סוצקעווער האָט פאַר זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „דאָס קבר־קינד" באַקומען די ערשטע ליטעראַטור־פּרעמיע פון דער ווילנער געטאָ.

די נאַצישע פּראָפעסאָרן וואָס זיינען אַראָפּגעקומען קיין ווילנע צונעמען די גרויסע אוצרות פון דער שטראַשון־ביבליאָטעק און פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, האָבן געצוואונגען סוצקעווערן און קאטשערגינסקין, פּאַקן די ביכער. סיי סוצקעווער, סיי קאטשערגינסקי האָבן, אויף וויפיל עס איז געווען מעגלעך, אַרויסגעגנבעט וויכטיקע דאָקומענטן און ביכער און זיי פאַרגראָבן אין דער ערד און דורך דעם זיינען ווערטפולע אוצרות אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די רוצחים.

ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן די ווילנער געטאָ, האָבן סוצקעווער און קאטשערגינסקי מיט געווער אין די הענט געקעמפט קעגן די נאַציס. און ווען דער קאַמף אין געטאָ איז געווען פאַרענדיקט — זיינען זיי ביידע, אין סעפּטעמבער 1943, אַנטלאָפן אין די וועלדער, און האָבן צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער געקעמפט קעגן די נאַציס. אין די וועלדער זיינען זיי פאַרבליבן ביז וואַנען די ווילנער געגנט איז באַפרייט געוואָרן, זומער 1944.

אין אַפּריל 1944 האָט אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן אַראָפּגעבראַכט סוצקעווערן קיין מאָסקע, וואו ער האָט אויף אַ שרייבער־קאָנפערענץ דערציילט וועגן קאַמף אין ווילנע און וועגן די פּאַרטיזאַנער. נאָכן צוזאַמענפאָר איז סוצקעווער צוריק געפאָרן צו די פּאַרטיזאַנער, און איז דאָרט פאַרבליבן, ווי געזאָגט, ביז זומער 1944.

שמערקע קאטשערגינסקי געפינט זיך איצט אין ווילנע, וואו ער איז דער דירעקטאָר פון יידישן מוזיי. פון צייט־צו־צייט זעען מיר זיינע רעפּאָרטאַזשן אין דער מאָסקווער „אייניקייט". ווי די זעלבע צייטונג באַריכטעט, האַלט ער ביי פאַרענדיקן אַ בוך וועגן זיינע איבערלעבענישן אין ווילנע און אין די וועלדער מיט די פּאַרטיזאַנען. אברהם סוצקעווער געפינט זיך איצט אין מאָסקווע. צוזאַמען מיט גראַדען האָט ער עטלעכע מאָל באַזוכט ווילנע און ביידע זיינען דאָרטן אויפגעטראָטן אויף ליטעראַרישע אָוונטן. ווי די מאָסקווער „אייניקייט" באַריכטעט, פאַרלאַנגען די פאַרבליבענע ווילנער יידן, אַז ביידע דיכטער זאָלן זיך צוריק באַזעצן אין ווילנע.

וועגן די איבעריקע יונג־ווילניאַנער משה לעווין, פּרץ מיראַנסקי, שמשון קאַהאַן, בענציע מיכטאָם, שיינע עפראָן און ראָזע סוצקעווער זיינען קיין

ידיעות ניטאָ. זיינען זיי געווען צווישן די אומגעקומענע, נאָמענלאָזע קעמ־ פער ? לעבן זיי ערגעץ ?

מיר דערוויסן זיך איצט אַלץ מער און מער ווי די יונג־ווילניאַנער אברהם סוצקעווער און קאַטשערגינסקי, צוזאַמען מיט זייערע חברים, האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף אין דער ווילנער געטאָ. סיי סוצקעווער, סיי קאַטשער־ גינסקי האָט געקעמפט סיי מיטן וואָרט, סיי מיט געווער.

אין אַן אַרבעט אין דער היגער „מאָרגן־פרייהייט״ (9טער דעצעמבער 1945) דערציילט ש. קאַטשערגינסקי: „אין טאָג ווען די פּאַרטיזאַנער־ מחנה אין געטאָ האָט מאָביליזירט אירע קעמפער צו פּאַרטיידיקן איר קאָ־ מאַנדיר וויטענבערגן — האָב איך ניט אויפגעהערט צו פירן מיין טאָג־ בוך, וויסנדיק אַז באַלד קומט די לעצטע שעה מיינע. ווען מיר, פּאַרטיזאַ־ נען, זיינען געשטאַנען פאַרבאַריקאַדירט מיט געווער אין די הענט און די געסטאַפּאָ האָט ניט ווייט פון אונדז אויפגעריסן אַ הויז, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַנדערע אונדזערע פּאַרטיזאַנען, איז א. סוצקעווער, באַוואָפנט מיט זיין נאַגאַן, געזעסן און געשריבן דאָס ליד „אַ נעם טאָן דאָס אייזן״. שמערקע קאַטשערגינסקי דערציילט אויך, אַז ווי נאָר די רויטע אַרמיי איז אַריין קיין ווילנע, און די שטאָט האָט נאָך געברענט, האָבן זיך אַ צאָל פּאַר־ טיזאַנען אַ וואָרף געטאָן אין אַלע עקן שטאָט אויפצוזוכן און אָפּראַטעווען יידישע קולטור־אוצרות, וואָס זיינען דורך די יונג־ווילנער און זייערע חברים באַהאַלטן געוואָרן.

אין דער דאָזיקער טאָט זעען מיר די גרויסע אחריות וואָס די גרופּע „יונג־ווילנע״ האָט אויף זיך גענומען.

און צום סוף נאָך אַ וואָרט: די יונג־ווילניאַנער דיכטער זיינען אַלע געווען באַשאַנקען מיט טאַלאַנט — און חוץ דעם האָט די ווילנער אַטמאָס־ פערע געוויס משפיע געווען אויף זיי אַז זיי זאָלן געפינען דעם סינטעז צווישן דעם טראַדיציאָנעל־יידישן און וועלטלעכן באַנעם. די יונג־ווילניאַנער האָבן אויך אויף אַן אידעאַלן אופן געלייזט דעם ווידערשפּרוך צווישן וואָרט און טאָט. די טעטיקייט און קאַמף פון די יונג־ווילנער אין דער ווילנער געטאָ איז דער בעסטער עדות אויף דעם.

# ביבליאָגראַפיע

1. יונג־ווילנע, זאַמלהעפט פאַר ליטעראַטור און קונסט, נומער I, ווילנע 1934.

2. יונג־ווילנע, זאַמלהעפט פאַר ליטעראַטור און קונסט, נומער II, ווילנע 1935.

3. יונג־ווילנע, זאַמלהעפט פאַר ליטעראַטור און קונסט, נומער III, ווילנע 1936.

4. משה לעווין: פרילינג אין קעלער־שטוב, ווילנע 1937.

5. א. וואָגלער: אַ בלעטל אין ווינט, פּאָעמע, אַרויסגעגעבן דורך אַ גרופּע פריינט און דער דיכטער־ און קינסטלער־גרופּע יונג־ווילנע, ווילנע 1935.

6. אלחנן וואָגלער: צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט, פּאָעמע, אַרויסגעגעבן דורך דעם יידישן ליטעראַטן פאַראיין און פון פּען־קלוב אין ווילנע, ווילנע 1939.

7. לייזער וואָלף: שוואַרצע פּערל (געקליבענע לידער), פאַרלאַג ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 1939.

8. לייזער וואָלף: „עוויגינגאַ", אַ פּאָעמע, פאַרלאַג „גערןאַנגל", ווילנע 1936. (געדרוקט מיט לאַטייניש בוכשטאַבן).

9. לייזער וואָלף: די ברוינע בעסטיע, באַלאַדעס און סאַטירעס, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1943.

10. חיים גראַדע: יאָ, לידער. ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע 1936.

11. חיים גראַדע: מוסרניקעס, פּאָעמע. יידישער פּען־קלוב, ווילנע 1939.

12. א. סוצקעווער: לידער. ביבליאָטעק פון יידישן פּען־קלוב, וואַרשע 1937.

13. א. סוצקעווער: וואַלדיקס, ווילנע 1940.

14. אַלמאַנאַך פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ווילנע. ערשטער זאַמלבוך, אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט, ווילנע 1938.

15. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומער 9, 1937 (ספּעציעלער נומער געווידמעט יונג־ווילנע).

16. חיים גראַדע: רעדע געהאַלטן ביים באַקומען די איקוף־פּרעמיע. יידישע קולטור, נומער 5, מערץ 1939, ניו־יאָרק.